יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

הײנט 8 זײטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 263 | Łódź, Czwartek 16 listopada 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ״ז מרחשון תרצ״ד | № 263

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 .אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל

פוילישער געזאנדטער ביי היטלערן

אפיציעלער קאמוניקאט פון „וואלף״-ביורא

ב ע ר ל י ן, 15 (ספ. טעל.)

וואלף גיט אן, אז דער קאנצלער היטלער האט היינט, אין דער אנוועזענהייט פונם אויסערן-מיניסטער, אויפגענומען דעם פוילישן געזאנדטען ה׳ ליפסקי, וועלכער האט איהם אפגעגעבן זיין בעגריסונגס-וויזיט.

דער מיינונגס-אויסטויש וועגען די דייטש-פוילישע בעציהונגען האט ארויסגעוויזן דעם פול-שטענדיגען הסכם פון ביידע לענדער אין זייער כוונה צו טראקטירען דורך דירעקטע אונטערהאנד-לונגען די ענינים וואס זענען נוגע ביידע לענדער, צו פערפעסטיגען דעם שלום אין איירופא, און אפזאגען זיך אין די געגענזייטיגע בעציהונגען פון בענוצען זיך מיט קראפט.

ב ע ר ל י ן, 15 (ספ. טעל.)

די ידיעה פון וואלפען וועגען דעם גע-שפרעך פונ׳ם פוילישן געזאנדטען מיט׳ן קאנצלער היטלער האט זיך בליץ-שנעל פערשפרייט אין דער שטאט, מאכענדיג א ריזען-איינדרוק, ובפרט צווי-שען די אויסלענדישע קארעספאנדענטען.

זיי שטרייכן אין אלגעמיין אונטער די בע-דייטונג פונ׳ם געשפרעך, אנווייזענדיג קודם-כל אויפ׳ן לעצטן זאץ פונ׳ם אפיציעלן קאמוניקאט. לויט דער מיינונג פון די קארעספאנדענטען ווייזט אן דער תוכן פונ׳ם קאמוניקאט אויף א וויכ-טיגען שריט פאראויס אין דער איצטיגער פער-פלאנטערטער סיטואציע פון איירופא.

א פערקעהרטע זאך

יודען זאלען האבען געמאכט א פאגראם אין קישיניעוו???

„א. ק. צ.״ ברענגט נעכטען א דעפעשע פון בוקארעשט:

„פון קישיניעוו איז מען מודיע וועגען ערנסטע גאסען-אונרוהען, וואס זענען דארט פאר-געקומען מאנטאג.

מיטאג-צייט זענען עטליכע הונדערט יודישע דעמאנסטראנטען, וועלכע זענען געגאנגען מיט די גאסען — בעפאלען די קריסטליכע געוועלבער, וועלכע האבען זיך נישט אנגעשלאסען אינ׳ם באי-קאט פון די דייטשע סחורות, וואס די יודישע סוחרים האבען פראקלאמירט.

עטליכע געוועלבער זענען דעמאלירט געווארען.

באלד דערנאך האבען זיך אין צענטר שטאט בעוויזען גרופען אנטיסעמיטישע אקאדעמיקער, וועלכע האבען אטאקירט די יודישע דעמאנסטראנטען.

אין עטליכע ערטער איז געקומען צו צוזא-מענשטויסען, וועלכע זענען ליקווידירט געווארען דורך דער פאליציי.

עטליכע פערזאן זענען ארעסטירט געווארען.

דער פרוב פון א גאז-אטאקע אין ווארשא

ו א ר ש א, 15 (טעלעפאניש)

היינט איז אין ווארשא אדורכגעפיהרט גע-ווארען דער פרוב פון א גאז-אטאקע אויף דער שטאט.

דער פרוב האט זיך אין יעדער הינזיכט גוט איינגעגעבען.

רוסיש-יאפאנישער קריג

האלט באלד ביים אויסברעכען

ט א ק י א, 15 (ספ. טעל.)

לויט א קאמוניקאט פון דער יאפאנישער רעגירונג האט דער סאוויעטישער קריגס-קאמיסאר-יאט, דורך א בעפעהל פון 7 ד. ח. מודיע געווען אלע אנפיהרער פון דער רויטער ארמעי אויפ׳ן ווייטען מזרח, אז דער ענין מלחמה מיט יאפאן איז א פראגע פון די נאהענטסטע טעג.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען אין עלטער פון 73 יאהר געשטארבען אונזער ליבע אונפערגעסליכע מוטער, שוויגער-מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגעריז און מוהמע

נ. ע. אסתר קאפעלמאן אשת ר׳ מאיר זאב ז״ל

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 16. נאוועמבער 1933, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, אלעע I מאי 42, וועגען וואס עס טיילט מיט אין טיפען צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

6237

זעהר וויכטיג!

פאר חזנים, מנגנים און מוזיקליבהאבער!

דאס הערליכע מוזיקאלישע ווערק „שירי זמרה״ רעטשיטא-טיווען און קאמפאזיציעס, מיט און אהן בעגלייטונג, „הבט משמים״ עקסטרע גומער פאר געזאנג און קלאוויר, קאמפא-זירט פון מ. בירנבוים איז צו בעקומען

לאדז, מילטשארסקיעגא 15, מ. 5.

פאר חזנים און מנגנים קאסט דאס ווערק 10 זל., „הבט משמים״ 2 זל., דאס ווערק און דער „הבט משמים״ זענען אויך זעהר אינטע-רעסאנט פאר מוזיקליבהאבער און פריוואט-מוזיקאלישע הייזער.

מיין געעהרטען ווירט ה׳ י. ל. ווײנטרויב און דער גאנצער פאמיליע צוליב׳ן טויט פון זייער פאטער

נ״ע חיים דוד

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל.

צייטונגס-פערשפרייטער

דוד קרישטאל

אונזער ג׳ שף ה׳ ישראל לייב און דער גאנצער פאמיליע ווײנטרויב צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען פאטער

נ״ע חיים דוד

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל פון דער פירמע „קאנפעקפאל״, פל. וואלנאשצי 6.

6234

Dr

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז-קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145 טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4, 8–9 אוו.

Dr. med.

LEON FUCHS

אינערליכע קראנקהייטען

האט זיך איבערגעצויגען

אויף וואולטשאנסקא 65

(רוג אנדזשעיא) טעל. 172-44

נעמט אן פון 3–5 נאכם

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8–1 מיטאג און פון 6–9 אוונט. זונטאג פון 10—1 בייטאג.

על ע אר ט א נ א ל י ז ע ן.

פאר ארבייטסלאזע לעמשניצע-פרייזן

ד״ר הערלער

ספעצ. פאר הויט און מענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע

8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89

נעמט אן פון 8–11 און פון 4–8 אוונט. זונטאג פון 11–2 מיטאג.

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל. אונבעמיטעלטע — לעמשניצע-פרייזן

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוונד.

פאר

גאלד, בריליאנטען, בזשוטעריי

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

DR. MED.

FAMILIER

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 62

נעהמט אן פון 12.30 ביז 1.30 בייטאג און פון 6.30 ביז 7.30 נאכמ.

„לינת הצדק״

לאדז, ציגעל-גאס 17

דער פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט איז טעטיג טעגליך פון 11–1 און פון 4–6 אוונד און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציא-ליסט, קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, סא-לוקס, עלעקטרישע בעדער. ערמעסיגטע פרייזען.

6270

וויכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס׳איז ערעפענט געווארען דאס

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „עזרת עניים״

נאדלודקא 8, טעל. 153-99

וואו ס׳ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ׳ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו. שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך דענטיסטישע הילף

ועשטשיקעס אין דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל, נעהמט אויך אן נעבורטען און אלע ארט א נ א ל י ז ע ן. מינימאלע אפצאה-לונגען.

די פערוואלטונג.

רעדע פֿון פֿראַנצויזישען פּרעמיער

וועגען דער פֿראַגע פֿון מלחמה און שלום

פּאַריז, 15 (ספּ. טעל.).

אויף דער נעכטיגער זיצונג פֿונ׳ם פֿראַנצויזישען פּאַרלאַמענט האָט געהאַלטען אַ רעדע דער פּרעמיער דאַלאַדיע, וועלכער האָט לכתחילה דערקלערט, אַז ער וועט אָהן הקדמות צוטרעטען צום עיקר־ענין, ד. ה. צו דער פֿראַגע פֿון שלום.

„מ׳דאַרף — האָט ער געזאָגט — בלייבען קאַלט־בלוטיג, וואָס די קאָניונקטורען זענען ערנסטער, אַלץ רוהיגער דאַרפֿען מיר פֿאַרבלייבען. בכדי פֿעסט און געלאַסען געגענשטעלען זיך, דעם פּחד. לאָמיר אָפּהיטען אונזער קאַלטבלוטיגקייט, ווייל צוזאַמען מיט 40 מיליאָן פֿראַנצויזען גיבען מיר זיך נישט אונטער דעם געפֿיהל פֿון שרעק. מיר וויסען אַלע פֿראַנצויזישע מאַטראָזען, אַז אַנ׳ז דער לאַנד פֿערמאָגט איצט, מחוץ מאַראַלען כּח אויך אַ פֿיזישע קראַפֿט און אַ מיליטער, וואָס יעט שטערען ווער עס נישט איז, צו דיקטירען אונז געזעצען! (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען).

דער פּרעמיער רעדט וועגען דער וועלט־מלחמה וואָס ס׳איז אָנגעוואָרפֿען געוואָרען פֿראַנקרייך, און ער זאָגט:

— „וואָס האָט זיך געענדערט פֿון נעכטען אָן? וואָס איז געשעהן אונערוואַרטעטעס? איך בין ווייט פֿון געדאַנק, אַז די אָפּשטימונג פֿון 60־מיליאָניגען פֿאָלק (דייטשען) האָט נישט קיין באַדייטונג. אַדרבה, צי האָט איהר זיך געקאָנט פֿאָרשטעלען, אַז ס׳האָט געקאָנט זיין אַנדערש. די צוגרייטונג האָט גורם געווען דעם רעזולטאַט, אָבער דאָך זענען מיליאָנען שטימען געווען נישט קיין אָנגעצוואונגענע.

סאַראַ וואַרפֿט אָפּ די אידעע פֿון אַ פּאַניקען שלום, אנשטאָט אַ שלום און זיכערקייט, איבער וועלכען פֿראַנקרייך האָט פֿון תמיד אָן געאַרבייט.

מיר באַמיהען זיך, פֿון אַ סך יאָהרען צו דערגרייכען די זיכערקייט, וואָס דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט אונז אָנגעבאָטען. קודם כל האַנדעלט זיך אונז וועגען אונזער זיכערקייט. איך וועל קיינמאָל נישט צולייגען קיין האַנד צו אָפּשוואַכען די זיכערקייט פֿון אונזער פֿאָטערלאַנד. די דאָזיגע זיכערקייט עקזיסטירט. אויב מיר וועלען זיך ענטוואָפֿענען, וועלען מיר עס טון נאָר אונטער געוויסע באַדינגונגען, אין וועלכע די ערשטע איז — איבערגעוויכט.

שטעהענדיג פֿאַר דער דערקלאַרירונג פֿון היטלער, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין נאָמען פֿון דייטשען פֿאָלק — דערקלערט איך איהם אויפֿריכטיג, קלאָר און קאַטעגאָריש, אַז די שטרעבונג צו שלום און פֿאַרשטענדיגונג איז אויך אונזער שטרעבונג. מיר האָבען עס שוין לאַנג אויסגעדריקט. פּונקט אַזוי ווי בריאַן האָבען מיר געשטרעבט צו אַ פֿאַרשטענדיגונג און דערנעהענטערונג מיט׳ן לאַנד, וועלכען מיר ווילען נישט באַדראָהען, נישט דערנידעריגען, נישט פּייניגען, נאָר מיט דער אידעעלקייט, וואָס איז אייגען פֿאַר פֿראַנקרייך, שטרעבען מיר, אַז דייטשלאַנד זאָל פֿעהנען דאָס געהעריגע אָרט אין דעם פֿרידליכען צוזאַמענשטעל פֿון די פֿעלקער.

מיר זענען גרייט צו געשפּרעכען, אָבער אונטער צוויי באַדינגונגען: ערשטענס, אַז די געשפּרעכען זאָלען געפֿיהרט ווערען אין דער פֿעלקער אינטערנאַציאָנאַלער ליכט, און אַז די געשפּרעכען זאָלען צוגעגרייט ווערען אויף אַ נאָרמאַלען וועג. מיר וועלען ווייטער פֿאָרזעצען, צי מיט דייטשלאַנד, צי אָהן דייטשלאַנד, דאָס ווערק פֿון אָרגאַניזירען דעם וועלט־שלום. די וועלט וועט אָנערקענען אונזער לאָיאַלישקייט.

נאָכ׳ן פּרעמיער האָבען גערעדט: דעפּ. בלום, פֿראַנקלען־בוּיאָן א. אנד. און לסוף פֿון דער דיסקוסיע איז אויסגעדריקט געוואָרען צוטרוי דער רעגירונג — מיט 395 שטימען געגען 194.

אַ פּוילישער ייד אַנ׳עדות

אויפֿן פּראָצעס וועגען אונטערצינדען דעם רייכסטאג

בערלין, 15 (ספּ. טעל.)

בעת די היינטיגע געריכטס־פֿערהאַנדלונגען פֿאָדערט דימיטראָוו, מ׳זאָל אַרויסרופֿען אַלס עדות דעם געוו. אַנפֿיהרער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טהעלמאַן, וועלכער זאָל אויפֿקלערען די יסודות פֿון דער קאָמוניסטישער טעטיגקייט אין דייטשלאַנד. דאָס געריכט וואַרפֿט אָפּ די פֿאָדערונג.

עס ווערט פֿערהערט דער עדות קצוף, אַ געוועז. קאָמוניסטישער דעפּוטאַט, וואָס געפֿינט זיך איצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער דערקלערט, צ. א. אַז מיט עלעמענטען ענליכע צו וואַן־דער־ליבע׳ן האָט ער קיינמאָל קיין געמיינזאַמעס נישט געהאַט.

דער פֿערהער פֿון דער עדות׳טע רישקאָווסקאַ גיט אויך נישט די געהעריגע רעזולטאַטען, וואָס די באַשולדיגונג האָט זיך געריכט צו באַקומען נעגען פּאָפּאָוו.

צווישען אַנ׳אַלגעמיינער שפּאַנונג קומט אַריין אין זאַל דער עדות ראָזנער, וועלכער האָט בשעתו, וואוינענדיג אין בערלין, אָפּ פֿערבראַכט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דימיטראָוו׳ן. ראָזנער, וועלכער וואוינט איצט אין פּראָג, איז געקומען אויפֿ׳ן פּראָצעס מיט אַנ׳אייזערנעם גלייט־שיין.

— אין יאָהר 1932 — זאָגט דער עדות ראָזנער — בין איך געווען אַנ׳אַכט מאָל אין דעם רעסטאָראַן ביירהאָף אין בערלין. מיר זענען געזעסען שטענדיג זאַלבצווייט. ליבע׳ן האָב איך ערשט נעכטען, צום ערשטען מאָל געזעהן אויפֿ׳ן פּראָצעס. פֿריהער האָב איך איהם קיינמאָל נישט געזעהן.

— פּראָקוראָר: — פֿון ווען אָן קענט איהר דימיטראָוו׳ן?

— ראָזנער: — אפשר 3 יאָהר.

פּראָקוראָר: — וואו האָט איהר זיך באַקענט מיט איהם? אין דייטשלאַנד, רוסלאַנד, אָדער ערגעץ אַנדערש?

— איך קען זיך דאָס איצט נישט דערמאָנען.

פּראָקוראָר: — וואָס זענט איהר אייגענטליך: אַנ׳עסטרייכער? אַ פּאָליאַק?

ראָזנער (אַקצענטירט שטאַרק): — איך בין אַ ייד! איך שטאַם פֿון פּוילען, און פֿון אַ סך יאָהרען וואוין איך אין אויסלאַנד!

פּראָקוראָר: — אין פּוילען זאָל מען אייך האָבען באַשטראָפֿט פֿאַר מלוכה־פֿערראַט און שפּיאָנאַזש?

ראָזנער: (איראָניש) — איך פּערזענליך ווייס גאָרנישט דערוועגען?

דער דעצידירטער אויפֿטריט פֿון ראָזנער ברענגט אַרויס פֿון די כּלים דעם גאַנצען טריבונאַל און די באַשולדיגער. דער עולם איז שטאַרק דענערווירט.

עס ווערט נאָך פֿערהערט אַנ׳עדות — אַ קעלנער פֿון „ביירהאָף", העלמער, וועלכער טענה׳ט, אַז ער האָט געזעהן וואַן־ליבען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דימיטראָוו׳ן.

אַ זעהר וויכטיגער מאָמענט איז געווען די קאָנפֿראָנטאַציע פֿון טאַנעוו׳ן מיט אַ געוויסען באַרנשטיין, וועלכער איז שטאַרק ענליך צו טאַנעוו׳ן. באַרנשטיין האָט דערקלעהרט, אַז ער גופא איז עס דער, וועלכער האָט דעם 24 פֿעברואַר אַריינגעטראָגען אין לאָקאַל פֿון דער קאָמוניסטישער פֿראַקציע ביים רייכסטאַג אַ שווערען קאַסטע מיט גלאָז. דער דאָזיגער פּרט איז געווען איינע פֿון די סיבות, הלמאי טאַנעוו איז אַרעסטירט געוואָרען.

דערמיט איז די היינטיגע פֿערהאַנדלונג פֿאַרענדיגט געוואָרען.

געיעג אויף יודישע עמיגראַנטען

וואָס שמוגלען זיך אַריין קיין ארץ־ישראל

ספּעציעלע פּאָליציי־פּאַטרולען אויף די חיפה׳ער וואַסערן און גרעניצען

ירושלים, 15 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

אויף די צפון־ברעגען פֿון ארץ־ישראל איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ ספּעציעלע דינסט, וואָס איז באַשטימט אויף אַ געיעג אויף די יודישע עמיגראַנטען, וואָס קומען אַריין אין לאַנד אונלעגאַל.

נעכטען האָט צו דעם צוועק אויף די חיפה׳ער וואַסערן שוין פּאַטראָלירט אַ פּאַטרול פֿון בריטישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטען ביי דער מיטהילף פֿון דאָרפֿישע אַראַבער. די מאַכט האָט באַשטימט געוויסע באַלוינונגען פֿאַר די פּאָליציאַנטען, וואָס וועלען כאַפּען טוריסטען וואָס וועלען זיך וועלען אַריינשמוגלען קיין ארץ־ישראל.

די פֿאַרשטאַרקטע שמירה איז באַשטימט אויסשליסליך אויף יודישע עמיגראַנטען, דאָס איז אויך צו זעהען דערפֿון, וואָס אויף די דרום׳דיגע ארץ־ישראל־גרעניץ מיט סיריען, האָט די פּאָליציי שעקומען אַנ׳אויפֿטראַג צו פֿאַרפֿאָלגען בלויז יודישע עמיגראַנטען.

קאָנפֿיסקירט דאָס פֿערמעגען

פֿון אַ היטלעריסטישער פּרעסע־געזעלשאַפֿט אין ווין

ווין, 15 (ספּ. טעל.)

די היגע פּאָליציי האָט קאָנפֿיסקירט דאָס גאַנצע פֿערמעגען פֿון דער היטלעריסטישער פּרעסע־געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט פֿינאַנסירט אַ רייה היטלעריסטישע צייטונגען און וואָכענשריפֿטען.

אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין עסטרייך וואָרענט

פֿאַר אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען

ווין, 15 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

דער נייער אַמעריקאַנער געזאַנדטער, אין עסטרייך, איירלי, האָט צוזאַמענגערופֿן אַ פּרעסע־קאָנפֿערענץ. ער האָט די פּרעסע־פֿאָרשטעהער געוואָרנט פֿאַר די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין עסטרייך, וואָס ברענגען גרויסן שאָדן דער מלוכה.

אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע וועגען די לעצטע געשעהענישען

באַאַמבירט פֿון דער ארץ־ישראל־רעגירונג

ירושלים, 15 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

ס׳איז נאָמינירט געוואָרען אַ ספּעציעלע אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע וועגען די לעצטע געשעהענישען אין ארץ־ישראל. אין דער שפּיץ פֿון דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע שטעהט סער וויליאַם מאָריסאָן.

ווי באַקאַנט, האָט די אַראַבישע פּרעסע אויפֿגעהויבען אַ קאַמפּאַניע צו באַווייזען, אַז די האַנדלונג פֿון דער פּאָליציי בעת די לעצטע געשעהענישען איז געווען אַנ׳איבערגעטריבענע.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן

אין דייטשלאַנד זאָלען אָפּגעשאַפֿען ווערען?

פּאַריז, 15 (ספּ. טעל.)

די האַוואַס־אַגענטור איז מודיע פֿון בערלין, אַז די ידיעות וועגען דער כוונה פֿון היטלערס רעגירונג צו אַמנעסטירען די פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען ריכטיגע.

לויט ווי דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פֿון האַוואַס דערוויסט זיך, האַלט היטלער נאָך דעם רעזולטאַט פֿון די וואַהלען, דעם ווייטערדיגען קאַמף געגען דער קליינער צאָהל פֿון זיינע שונאים פֿאַר איבעריג, און האָט בדעה אין דער נאָהענטסטער צייט צו דערקלערען אַנ׳אַמנעסטיע פֿאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

גלייכצייטיג זאָל אָפּגעשאַפֿען ווערען די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ליטווינאָוו איז וואַשינגטאָן

לאָנדאָן, 15 (ספּ. טעל.)

פֿון וואַשינגטאָן איז מען מודיע, אַז נעכטען האָט ליטווינאָוו נישט געפֿיהרט קיין שום אונטערהאַנדלונגען, ווייל ער האָט געוואָרט אויף אינסטרוקציעס פֿון מאָסקווע.

דער סאָוויעטישער אויסערן־קאָמיסאַר, וועלכער האָט מיט עטליכע טעג צוריק אויסגעקויפֿט אַ קאַבינע אויף דער שיף „מאַדזשעסטיק", האָט אָפּגערופֿען זיין אַרויספֿאָהר.

אין גוט־אינפֿאָרמירטע קרייזען פֿערזיכערט מען, אַז דער פּרעזידענט רוזוועלט האָט אַרויסגעדריקט אַ רייה באַדינגונגען, און צ. א. מכוח גאַראַנטירען די פּערזענליכע זיכערקייט און דאָס פֿערמעגען פֿון די אַמעריקאַנער בירגער אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דאָלפֿוס׳עס אַטענטעטער פֿאַר׳ן געריכט

ווין, 15 (ספּ. טעל.)

שבת הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פֿון רודאָלף דערטילען, וועלכער האָט דורכגעפֿיהרט דעם אַטענטאַט אויפֿ׳ן קאַנצלער דאָלפֿוס.

„נומערוס־קלאַוזוס"־פֿאָדערונג

ריגע, (י. ט. א.) דער סטודענטען־ראַט פֿון דער לעטישער מוזיק־אַקאַדעמיע האָט באַשלאָסען פֿאָדערען איינצופֿיהרען אין דער אַקאַדעמיע אַ „נומערוס קלאַוזוס" פֿאַר יודישע סטודענטען.

ווער איז באַשטימט געוואָרען אַלס נייער אַמעריקאַנער קאָנסול אין ירושלים

ניו־יאָרק. (יט"א) דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין וואַנקוווער (דרום־ מזרח = קאַנאַדע) אלי באַלמער איז באַשטימט געוואָרען אַלס קאָנסול פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען אין ירושלים.

געגען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען אין בעלגיען

בריסעל, (י.ט.א.) די בעלגישע רעגירונג האָט פֿערבאָטען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „נאַפֿאַ" צו פֿיהרען מיליטערישע איבונגען אין עפֿענטליכע ערטער. די עפֿענטליכע מיינונג באַגנוגענט זיך אָבער נישט מיט דעם פֿערבאָט און פֿאָדערט, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל אינגאַנצען פֿערבאָטען ווערען.

DR. MED.

H. Różaner

הויט, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע

NARUTOWICZA 9, tel. 128-98.

עמפּפֿאַנגט פֿון 8–10 און פֿון 5–8 אָוו.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 16 נאוועמבער 1933

ליכט און שאטן אין אמעריקע

אנ'ארטיקעל פון הערבערט סעמיועל

איך בין נישט לאנג צוריקגעקומען פון די פעראייניגטע שטאטן, וואו איך האב פערבראכט עטליכע וואכען. איך האב דארט געהאט דאס פערגעניגען צו רעדען מיט'ן פרעזידענט רוזוועלט און מיט עטליכע פון זיינע ראטגעבער. מיט פינאנסיסטען, אינדוסטריעלער, יוריסטען, מיט פראפעסארען פון עקאנאמישע וויסענשאפטען, מיט פובליציסטען און מיט א־רויסגעבער פון צייטשריפטען. און אט זענען מיינע איינדריקען.

די פעראייניגטע שטאטען זענען ווי א מענש, וועלכער האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זיין שטארקען געזונד, איז קיינמאל נישט קראנק געווען און וועלכער איז פלוצים א־יין ... אין א שווערע, אפשר געפעהרליכער קראנקהייט. ער איז ערשטוינט, בעליידיגט, דערצערנט ענדליך אפילו איבערגעשראקען. עס קומט א פערבעסערונג, דער קראנקער ווערט א ביסעל פרייליכער, אבער ער גלויבט נאך נישט, אז עס קאן פלוצים קומען א פערערגערונג. ער האלט אין איין מעסטען זיך דעם פולס און די טעמפעראטור. זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט איז געווענדעט אויף דער איינענער קראנקהייט און ער איז נישט אומשטאנד זיך צו אינטערעסירען מיט דעם, וואס עס קומט פאר אויסער זיין צימער.

די קראנקהייט, אויף וועלכער עס ליידען די פעראייניגטע שטאטען, איז זיכער געווען זעהר א שווערע. מיר אין איראפע שאצען נאך נישט אפ אינגאנצען איהר ערנסטקייט פאריגען ווינטער האט עס געהאלטען דערביי, אז די גאנצע פינאנציעלע און אינדוסטריעלע מאשין זאל זיך אפשטעלען. אלע בענק האבען כמעט זיך אפגעשטעלט. די פראדוקציע, דער האנדעל מיט אויסלאנד, די נאכפראגע אויף ארבייט איז געפאלען אויף א געוואלדיגען אופן. די לאנדווירטען זענען געווען נאהענט צו א בנקט, ווייל זיי האבען זיך איבערצייגט, אז זייערע הכנסות וועלען נישט דערגרייכען קיין העלפט פון דעם, וואס פאראיאהרען. דער ערשטער איינדרוק מיינער איז געווען די ערנסטקייט פון קריזיס. וועלכען אמעריקע מאכט דורך און פון וועלכען דאס לאנד איז נאך ווייט נישט ארויס.

דער צווייטער איינדרוק מיינער איז די גרויסע צאהל און די פערשידענארטיגקייט פון די מיטלען, וועלכע פרעזידענט רוזוועלט האט געלאזט אין גאנג, כדי די סיטואציע צו בעהערשען. די מיטלען זענען צו צאהלרייך און צו קאמפליצירט, כדי זיי באשט איבען אויף צו צייכענען. נישטא קיין געביט פון ווירטשאפטליכען לעבען, וואס זאל נישט ארומגענומען ווערען פון אט די מיטלען. אחוץ די סאוויעטען האט נאך קיין שום רעגירונג אין דער וועלט נישט אונטערגענומען אזא ברייטע איינגריף אין ווירטשאפטליכען לעבען פון א לאנד ווי דאס קומט פאר אין אמעריקע.

די אינטערווענץ האט קיין ווידערשטאנד נישט ארויסגערופען. די איז אויפגענומען געווארען גאנץ גינסטיג. די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט האבען אפילו געפאדערט אזא אינטערווענץ, זעהענדיג אין איהר א רעטונג געגען דער פארשטייענדיגער קאטאסטראפע. עס איז נישטא קיין צווייפעל, אז דאס פאלק אלס גאנצעס שטיצט דעם ריזיגען עקספערימענט פון רוזוועלט. דא אדער דארט הערט מען א קריטישע שטים פון א פאליטישען אפאנענט. אבער דאס זענען פעראיינצעלטע שטימען. די מעכטיגע פראפאגאנדע צו אונטערשטיצען די אקציע פון דער רעגירונג ווערט געפיהרט מיט אלע מיטלען, דורך דער פרעסע, ראדיא, קינא, דורך פאראדען פון צעהנדליגער טויזענטער מענשען. די קאנטער־פראפאגאנדע האט נישט די דרייסטקייט אפילו צו זאגען א ווארט. דאס פאלק איז דאנקבאר דעם פרעזידענט פאר זיין אקציע און איז גרייט איהם צו אונטערשטיצען מיט אלע מעגליכקייטען.

אויב עס גייט וועגען די רעזולטאטען, זענען די איז די ערשטע פאר עטליכע חדשים ביז איצט געווען אויסגעצייכענטע. צוויי מיליאן ארבייטער האבען ווידער בעקומען א־בייט. די פערדינסטען האבען זיך אין מאנכע צווייגען פערגרעסערט אויף העכער פופציג פראצענט, עס האט זיך געביטען די שטימונג פון דער בעפעלקערונג, ס'איז ווידער געקומען דער צוטרוי. אבער די לעצטע פאר חדשים האבען געבראכט ענטוישונג. די פערבעסערונג גייט פאראויס, באר זעהר פאמעליך. די אלגעמיינע צאהל ארבייטסלאזע, וועלכע בעקומען ארבייט, איז בעדייטענד קלענער פאר דער צאהל, וואס עס האט געהאט צוגעזאגט די רעגירונג. די לאגע נעהמט אן א כאראקטער, וועלכער רופט ארויס זארג און מורא ביי פיל אבסערוואטארען פון די געשעהענישען אין אמעריקע.

ערשטענס, האבען די פראפעסיאנעלע פעראייניגען קיינמאל נישט געהאט אזא קראפט אין אמעריקע ווי אין אנדערע לענדער. א דאנק די מיטלען, וועלכע זענען אנגענומען געווארען דורך רוזוועלט, האבען די פראפ. פעראיינען בעקומען גאר א נייע בעדייטונג. פיל גרויסע אונטערנעהמער האבען קיינמאל נישט געוואלט האבען צו טון מיט די פראפ. פעראיינען און זייערע פארשטעהער, איצט זענען זיי געצוואונגען צו ענדערען זייער שטעלונג. דאס רופט ארויס ביי די פאבריקאנטען אומצופרידענהייט. אין איניגע ערטער פון לאנד ברעכען אויס שטרייקען, וועלכע די רעגירונג אונטערדריקט מיט דער גאנצער ענערגיע. פאר אנ'ענגלישען בעאבאכטער זענען די רעכטע פון די פראפעסיאנעלע פעראייניגען גאר נישט קיין גרויסע, אין ענגלאנד איז מען געוואוינט צו אזא זאך, ווי, א שטייגער, קאלעקטיווע אפמאכען, וועלכע גיבען בכלל גוטע רעזולטאטען. אבער די אמעריקאנישע אינדוסטריעלער זענען זעהר בעזארגט.

א בעדייטענדער טייל פון רוזוועלטס פראגראם האבען געצאפט בילדען די איבוועסטיציעס אין עפענטליכע ארבייטען. אין דער דאזיגער פראגע זענען איצט פעראינטערעסירט די פינאנץ־קרייזען. אבער די פלענער ווערען פערווירקליכט זעהר פאמעליך. פרעזידענט רוזוועלט האט געהאט ערקלערט, אז ביז אקטאבער וועט ער געבען ארבייט א מיליאן ארבייטער ביי די עפענטליכע ארבייטען אין דער ווירקליכקייט האבען געקריגען בעשעפטיגונג בלויז עטליכע טויזענד מאן. ווען דער פלאן פון די גרויסע עפענטליכע ארבייטען וועט פערווירקליכט ווערען, וועט דאס בעדייטענד בעלעבטיגען דעם בודזשעט פון לאנד און פון די בעזונדערע שטאאטען, וועלכע זענען אזוי אויך שוין שטארק בעלעסטיגט.

די דריטע זאך, וואס רופט ארויס ערנסטע זארג, איז די מעגליכקייט פון א בליוונדיגער אינפלאציע. די לאנדווירטע פאדערען דאס שטארק. דאגעגען די ארגאניזירטע ארבייטער זענען ענטשיידען געגען דעם. די פארשטעהער פון האנדעל און פון דער אינדוסטריע שטעלען זיך אקעגען די פלענער פון אינפלאציע מיט אלע כוחות. עס ווייזט אויס, פרעזידענט רוזוועלט וועט זיך נישט לאזען איבערצייגען צו אינפלאציע און אז אינגיכען וועט קומען א סטאביליזאציע פון דאלאר, נאך א פערשטענדיגונג מיט ענגלאנד און מיט פראנקרייך.

און דערווייל, דיסקוטירנדיג פערנעמען מיט די אייגענע דאגות, ווייזט אמעריקע נישט ארויס קיין שום אינטערעס צו די ענינים פון איראפע. דייטשלאנד, פעלקערבונד, ענטוואפנונג — דאס זענען אלץ ווייטע זאכען, נישט רעאלע. די סימפטאמען פון דער אייגענער קראנקהייט, דער פולס, די טעמפעראטור — דאס זענען אין אמעריקע נאהענטע און רעאלע זארגען.

נישט אראפלאזן די הענד

מ'קאן נאר אויפטון פאר די יודען אין פוילען

צי קען מען נאך עפעס טון פאר די יודען פון פוילען?

פרעגט פ. קאפלאן אין „א. ל." און ענטפערט:

עפעס קען מען נאך טון, — נישט קיין סך, אבער פארט עפעס.

איז פאראן אין פוילען א יודישער ווירטשאפטליכער קאמיטעט, וועלכער האט זיך געווענדעט צו דער דירעקציע פון מלוכה'שען ארבייטס־פאנד מיט א כאראקטעריסטישען מעמאריאל וועגען הילף פאר דער פעראָרימטער יודישער בעפעלקערונג. און דארט, אינ'ם מעמאריאל, ווערען אנגעגעבען 5 הויפט־פונקטען, ווי אזוי מ'וואלט געקענט העלפען די יודען.

עס קען איטליכער אין זיין שטאט בעמיהען מיט אנ'אומבעוואפענט אויג, ווי גרויסע ארבייטען ווערען אויסגעפיהרט דורכ'ן ארבייטס־פאנד (אזוי מעלדעט א געמעלעוועטער טאוועל) און איהר זוכט דארט אומזיסט א יודישען ארבייטער.

דער מעמאריאל פאדערט אינ'ם ערשטען פונקט, דער ארבייטס־פאנד זאל ארויסגעבען א צירקולאר אין אלע שטעט, מ'זאל אויך יודען איינטיילען א חלק ארבייט.

און מיר פרעגען, ווי אזוי איז ביז איצט דערלאזט געווארען די פערברעכערישע אויסמיידונג פון די יודישע ארבייטסלאזע? דאס איז דאך פשוט אומערהערט!

דערמיט ווערט נאך דער ענין נישט אויסגעשעפט. דער מעמאריאל האט נאך א גאנצע רייהע מיטלען, מיט וועלכע מ'וואלט געקענט העלפען יודען.

עס, למשל, סובסידירען אינוועסטיציע־ארבייטען פון יודישע קהלות. וועגען דעם א פאר ווערטער. יודען האבען פון קדמונים אן געבויט אינסטיטוציעס. קודם כל געבעט־הייזער, מקוואות, שפיטעלער ובדומה, און אין איטליכער גרעסערער שטאט געפינען זיך צענדליגער בנינים, וואס געהערען צו דער יודישער קהלה. אין דער לעצטער צייט אבער האט דער אימפעט פון בויען אויפגעהערט און דערהויפט ווערט דער יודישער טעמפערמענט אפגעקיהלט, ווען ס'האנדעלט זיך וועגען אויפבויען מאדערנע אינסטיטוציעס, און דווקא אזוינע, וואס קיינער קען נישט אפלייקענען זייער נויטיגקייט, ווי, למשל, א יודישע, אדער העברעאישע שולע, א יודישען טעאטער, א פאלק־הויז, אלץ אזעלכע לאקאלען, וואס זייער ארענדע־געלד קוועטשט ארויס ביי אונז דעם זאפט פון די ביינער.

די יודישע קהלות וואלטען זיכער אזוינע משאות אויף זיך גענומען, ווען די סומעס זאלען ווערען אויסגעליהען און ווען א טייל דערפון זאל טראגען א רעגירונגס־אינסטיטוציע, ווי דער ארבייטס־פאנד", מ'דארף עס אבער ענערגיש פאדערן.

און ווייטער גייט נאך א גאנצע רייהע מיטלען, געגוי דעצענטראליזירטע, ביי וועלכע ס'וואלטען געקאנט לעבען א סך טויזענטער יודישע משפחות.

און לסוף די פראדוקטיוויזאציע פון יודען, די איינארדענונג פון די יודישע מאסען ביי פערשידענע ארבייטען, בעזונדערס ביי גערטנעריי, סעדערייי, כלעריי פלאנטאציע וכדומה, דערויף פאדערט זיך אנ'אסיגנירונג פון 5 מיליאן. און דער מעמאריאל פערלאנגט, מ'זאל זיי אנטרויען דעם „צעקאבע" מיט זיינע 750 אפטיילונגען איבער גאנץ פוילען.

דער „צעקאבע" — דאס איז די ארגאניזאציע פון די אהנפראצענטיגע לייה־קאסעס, וואס בראש פון איהר שטעהט דער באנקיר רפאל שערעשעווסקי פראפ. שאר, דיר. גיטערמאן א. א.

צי די דאזיגע ארגאניזאציע אין איהר איצטיגען צוזאמענשטעל איז בערופען אנצופיהרען מיט אזא גראנדיעזער ארבייט און דיספאנירען מיט אזא ריזיגער סומע פאר די פאלקס־גויטען — קענען מיר נישט וויסען. מעגליך, אז ביים צוטרעטען נעהנטער, צו פערווירקליכען דאס פראגראם וואלט נויטיג געווען א רעארגאניזאציע מיט ברייטע דעמאקראטישע וואהלען.

דער עיקר וואלטען דא געדארפט אריינגעצויגען ווערען די „ארט"־עסקנים, וואס די פראדוקטיוויזאציע פון יודען שטעהט דאך זיי אם נאהענטסטען.

וויכטיג אבער איז, אז ס'זענען נאך בכלל נישט אויסגעטריקענט אלע מעגליכקייטען, צו טון עפעס פאר די יודען אין פוילען. אז א סך קענען מיר געהאלטען ווערען דורך דער רעגירונגס־מאשין גופא, אויב נאר זי זאל פונקציאנירען יושרדיג מיט אנ'ערליכער גלייכער מאס צו אלע בירגער, און גאר א סך קענען מיר יודען אליין נאך אויפטון מיט אונזער ענערגיע און פאן־קענטעניש.

מ'דארף נאר דעם קאפ נישט פערלירען, די הענט נישט אראפלאזען, נישט זאגען, אז דא האט זיך שוין איינגעצנען דער הימעל צו דער ערד אראפגעלאזט.

וועגן דער שרעקליכער מפלה ביי צוסימא

זענען די צארישע מיניסטארן געוואויר געווארן פון א יודישן בערלינער באנקיר

די לאגע אויפ'ן ווייטען מזרח איז זעהר א געשפאנטע. אנ'אויסברוך פון קריג צווישען די סאוויעטען און יאפאן איז מעגליך ביי יעדער געלעגענהייט. די לאגע דערמאנט די צייט ערב דעם רוסיש־יאפאנישען קריג אין אנהויב פון לויפענדען יאהרהונדערט. עס בעקומען דעריבער א בעזונדערען אינטערעס די מעמוארען פון גראף קאקאווצעוו, דעם געוו. צארישען פינאנץ־מיניסטער און שפעטער אויך פרעמיער, וועלכע זענען נישט לאנג ערשינען אין פאריז. א ספעציעלען אינטערעס האבען די בלעטלעך פון די מעמוארען, וואס זענען געווידמעט דעם רוסיש־יאפאנישען קריג. פון קאקאווצעוו'ן ווערט מען געוואויר איניגע זעהר אינטערעסאנטע פרטים און עפיזאדען, וואס כאראקטעריזירען די דעמאלטיגע הערשענדע ספערען.

ווי בעקאנט, האט זיך דער קריג צווישען יאפאן און רוסלאנד אנגעהויבען דערפון, וואס יאפאן איז, נישט ערקלערענדיג פארמעל קיין קריג, בעפאלען דעם רוסישען פלאט אין פארט־ארטור. ווי עס דערצעהלט קאקאווצעוו, איז אין דעם אווענד, ווען דער איבערפאל איז פארגעקומען, געווען א גרויסער גאלא־ספעקטאקל אין ערמיטאזש אין פעטערבורג. צווישען די הויכע געסט, וועלכע זענען אנוועזענד געווען אויף דער פארשטעלונג, האט זיך געפונען אויך דער גאנצער שטאב פון דער יאפאנישער געזאנדשאפט...

אלס ארמעי־אנפיהרער אויפ'ן ווייטען מזרח האט דער צאר בעשטימט דעם גענעראל קוראפאטקין. מיט וואס האט עס זיך גענאנט קודם־כל פערגעסען א רוסישער גענעראל, ווען ער ווערט בעשטימט אלס אויבער־קאמאנדיר אין קריג? קאקאווצעוו דערצעהלט, אז קודם־כל איז קוראפאטקין געקומען צו איהם און אט וועגען וואסער אנגעלעגענהייט. ביי דער דעמאלטיגער רעגירונג איז געווען טעטיג א פערשטענדיגונגס־קאמיסיע וועגען די קריגס־אויסגאבען. קוראפאטקין איז אלזא געקומען צו קאקאווצעוו'ן און האט איהם געבעטען, אז די בעאמטע פון פינאנץ־מיניסטעריום, וועלכע זיצען אין דער קאמיסיע, זאלען איהם, דעם גענעראל, נישט מאכען קיין שוועריגקייטען ביים בעשטימען די הויך פון זיין געהאלט אלס אויבער־קאמאנדיר פון דער פראנט־ארמעי. קוראפאטקין האט געוואלט בעקומען דאס זעלבע געהאלט, וואס עס האט געהאט בעקומען אין דער צייט פון רוסיש־טערקישען קריג דער גרויספירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש דער עלטערער.

דאס געהאלט האט בעטראפען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי 100 טויזענד רובעל א חודש און א חוץ דעם א סומע אויף אויסצוהאלטען 12 רייט־פערד און 18 לאסט־פערד. קאקאווצעוו גיט איבער, אז זיינע בעאמטע זענען דווקא געווען געגען אזא ריזיגען געהאלט און האבען אנגעוויזען דערויף, אז קוראפאטקין וועט אינגאנצען זיך נישט נויטיגען אין קיין פערד. סוף־כל־סוף האט דער גענעראל בעקומען דאס געפאדערטע בעהאלט, הגם ער האט זיך נישט גענויטיגט אין קיין איינציגען פערד אויפ'ן פראנט.

אנ'ענגליכע געשיכטע האט פאסירט מיט דעם גראף מוראוויאוו, וועלכער האט געזאלט פאהרען קיין פארטסמוט צו פיהרען מצד רוסלאנד די אונטערהאנדלונגען מיט יאפאן וועגען שלום. אויך ער האט געהאלטען פאר נויטיג די ערשטע זאך זיך צו פערזיכערן ביי קאקאווצעוון די מיטהילף ביי בעקומען א ריזיגע פענסיע פאר דער צייט, וואס ער וועט ווילען אין אמעריקע, ווייל, האט ער ערקלערט, אין אמעריקע איז דאס לעבען געוואלדיג טייער. ער איז אבער נישט בעשטימט געווארען און די אונטערהאנדלונגען האט בעפיהרט און געשלאסען שלום גראף וויטע.

קאקאווצעוו דערציילט אויך נאך א זעהר פיקאנטען פאקט. צומארגענס נאך דער ביטערער מפלה פון רוסישען פלאט ביי צוסימא (ווען דער גאנצער רוסישער פלאט איז פערניכטעט געווארען דורך דעם יאפאנישען פלאט) האט דער בערלינער באנקיר מענדעלסאן טעלעפאנירט צו קאקאווצעוון און האט איהם מיטגעטיילט די ידיעה. קאקאווצעוו האט זיך באלד פערבונדען מיטן פלאט־מיניסטער, וועלענדיג געוואויר ווערען פרטים פון דער שרעקליכער נייעס. עס האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז דער פלאט־מיניסטער האט וועגען דער גאנצער זאך נישט געהאט די ביטערסטע אהנונג. אזוי ארום איז אויסגעקומען, אז די צארישע רעגירונג איז געוואויר געווארען וועגען אזא היסטארישער פאסירונג, וואס האט בעהאט די געוואלדיגסטע פאלגען פאר גאנצען רוסלאנד, נישט פון אייגענע קוועלען, נאר פון א יודישען באנקיר אין בערלין...

ניי׳ער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

ניי׳ער פאלקסבלאט

דאנערשטאג 16 כז מרחשון תרצ״ג

נאוועמבער

זון-אויפגאנג 6.55
זון-אונטערגאנג 3.44

בעראטונגען אין קהלה וועגען דער שחיטה

שעכטער-הורטאווניקעס און שוחטים זענען געגען איבערנעהמען די שחיטה דורך דער קהלה

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן בעשלוס פון דער קהלה-פערוואלטונג איבערצונעהמען די שחיטה, איז אויף צוהערנעכטען פארגעקומען א קאנפערענץ פון דער קהלה-פערוואלטונג מיט די שעכטער-הורטאווניקעס.

מצד דער קהלה איז געווען פערזענטען אויף דער קאנפערענץ דער פרעזעס מינצבערג און וויצע-פרעזעס בערגער.

די פראגע וועגען איבערנעהמען די שחיטה האט רעפערירט פרעזעס מינצבערג. ער האט אנגעוויזען, אז די אויפזיכט-מאכט צווינגט די קהלה איבערצונעהמען די שחיטה און פארגעלעגט צו קומען צו א הסכם וועגען דעם אופן פון דער ארגאניזאציע ביים איבערנעהמען די שחיטה.

די פארשטעהער פון די שעכטער-הורטאווניקעס האבען זיך קאטעגאריש ארויסגעזאגט געגען דעם איבערנעהמען די שחיטה דורך דער קהלה.

נעכטען איז פארגעקומען א צווייטע קאנפערענץ פון דער קהלה און די שוחטים. נאכדעם ווי פרעזעס מינצבערג האט רעפערירט די פראגע, האבען די שוחטים נישט געגעבען קיין שום ענטפער און זיך איבערגעלאזען צייט אויף צו בעראטען זיך און דאן ערשט קומען מיט אן ענטפער צו דער קהלה-פערוואלטונג.

רעגיסטראציע פון יאר-גאנג 1913

היינט, דאנערשטאג, דעם 16 ד. ח. דארפען זיך בּוּשטעלען צו רעגיסטראציע אין מיליטער-פאליציי-אישען ביורא (פיעטריקאווער 165) די יונגעלייט, וואס וואוינען אויפן שטח פונם 6 פאליציי-קאמיסאריאט אין פון 14-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

R S Sz T U

מארגען, פרייטאג, דעם 17 ד. ח. פון 14-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

W Z Ź Ż

אויך דארפען זיך שטעלען צו דער רעגיסטראציע די יונגעלייט פון יאהרגאנג 1910 און עלטערע, וועלכע האבען נאך נישט רעגולירט זייער פליכט פון מיליטער-דינסט.

די פליכט צוצושטעלען זיך איז אויך חל אויף מענער, וועלכע זענען נישט אפיציעל קיין פוילישע בירגער און קענען נישט דערווייזען, אז זיי זענען בירגער פון אן אנדער מלוכה, און וואוינען אין לאדז אויף צוזיבערופענע „קארטי פאביטו׳ס״.

ווער ס׳וועט זיך נישט מעלדען צו דער רעגיסטראציע אין ענטשפרעכענדען טערמין וועט אדמיניסטראטיוו בעשטראפט ווערען מיט 3000 זל. שטראף אדער 3 חדשים ארעסט.

די לאגע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע

דער לאדזשער האנדעל געליטען גרויסע היזקות צוליב א נייער כוואליע באנקראטען

(אב) צוליב דעם, וואס עס איז לעצטענס קאלטער געווארען, איז אין דער לאדזשער טעקסטיל-אינדוסטריע בעמערקט געווארען א קליינע אויפלעבונג, אבער עס איז גאנץ גאנץ ווייט פון דעם, וואס מען האט ערווארט. די פרייזען פון סחורות, בעזונדערס פון באוועלנע, זענען ביליגער געווארען פון 5 ביז 10 פראצענט. די דאזיגע פרייזען-רעדוקציע האבען אדורכגעפיהרט קודם-כל פירמען פון דער גרויסער אינדוסטריע. צוליב דעם, וואס דער ווינטער-סעזאן ביי די דעטאליסטען האט זיך אייגענטליך נאך נישט אנגעהויבען, איז צו ערווארטען, אז שוין אינגיכען וועט פארט קומען צו א געוויסע אויפלעבונג, בעזונדערס צוליב דעם, וואס די דעטאליסטען האבען זעהר ווייניג סחורות אויף לאגער.

פון די בעזונדערע בראנזשעס איז די לאגע פערהעלטניסמעסיג אמבעסטען אין דער טריקאטאזשען-בראנזשע. די פאבריקאנטען פון דער דאזיגער בראנזשע ארבייטען אינטענסיוו און די אומזאצען זענען גאנץ בעדייטענדע. צוליב דער גוטער קאניונקטור זענען לעצטענס ענטשטאנען א סך נייע פירמען אין דער דאזיגער בראנזשע.

די צאהל-פעהיגקייט פון די סוחרים האט זיך לעצטענס בעדייטענד פערערגערט. אין חודש נאוועמבער האט דער לאדזשער האנדעל שטארק געליטען פון א נייע כוואליע באנקראטען, בעזונדערס פון גאליציע׳ן. פון לעמבערג, סטאניסלאוואו, טארנאוו קומען כסדר ידיעות, אז די דארטיגע גרעסטע הורט-סוחרים פון טעקסטיל סחורות האבען אפגעשטעלט די צאהלונגען. לאדז האט פון די דאזיגע באנקראטען א סך געליטען. דאס עלף זענען פאלגען פון דעם נישט בצלונגענעם ווינטער-סעזאן. אין לאדז אליין זענען דערוויל נישט פערצייכענט געווארען קיין באנקראטען, נישט קוקענדיג דערויף, וואס גרויסע צאהלונגס-שוועריגקייטען זענען אהן שום ספק פארהאן.

ליקווידירט א באנדע שמוגלער

נעכטיגער פראצעס אין לאדזשער קרייז-געריכט

(א) אין לאדזשער קרייז-געריכט איז נעכטען פארגעקומען דער פראצעס געגען 3 מיטגלידער פון א ספעציעל-ארגאניזירטער באנדע שמוגלער: יוזעף מאראווסקי, יעזשי נאגאלסקי און ב. ליפאווסקי.

אין מערץ 1931 האט די גרעניץ-וואך אין לאדז פעסטגעשטעלט, אז די דערמאנטע דריי פערזאן האבען געשאפען א באנדע, וועלכע שמוגעלט פון אויסלאנד, בעזונדערס פון בערלין, פערשידענע ארטיקלען. דאס געשמוגעלטע ווערט בעהאלטען אין די וואגאנעס פון בערלינער שנעלציג. מאראווסקי און נאגאלסקי פלעגען זיצען אין אויסלאנד און איבערשיקען די געשמוגעלטע ארטיקלען און ליפאווסקי פלעגט פאהרען צו דער גרעניץ און אריינפיהרען קיין לאדז דעם שמוגעל.

ספעציעל דעלעגירטע פונקציאנערען זענען געפאהרען קיין זבאנשין און טאקע געפונען אין א וואגאן 50 קילא דייטשען טאבאק. ערשט אויף דער סטאציע אין פויזען האט מען ארעסטירט ליפאווסקין און שפעטער האט מען אויך קאנפיסקירט די געשמוגעלטע ארטיקלען.

אויפן פראצעס האבען זיך די בעשולדיגטע נישט מודה-געווען.

מאראווסקי האט גע׳טענה׳ט, אז ער פלעגט פאהרען קיין אויסלאנד אויף קורעציע.

נאגאלסקי האט געזאגט, אז ער האט אין בערלין שטודירט א מעטאדע פון פאבריצירען עסיג-וויין, און ליפאווסקי האט ערקלערט, אז אין פויזען פלעגט ער איינקויפען ביליגען ליקער.

דער פערהער פון די עדות און די דאקומענטען, וואס זענען צוגעשטעלט געווארען, האבען אבער בעשטעטיגט די שולד פון די בעשולדיגטע און זיי זענען פערמשפט געווארען צו 3 חדשים תפיסה יעדער און צו בעצאהלען 78,200 זל. יעדער אדער אויסזיצען אויף 1 יאהר ארעסט.

פאר בעליידיגען דעם מלוכה-פרעזידענט

(א) אין קרייז-געריכט איז נעכטען פארגעקומען דער פראצעס געגען אנטאני כוויאלקאווסקי, א בעטאן-ארבייטער, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט מיט בעליידיגענדע ווערטער אויפ׳ן אדרעס פון מלוכה-פרעזידענט, אין א מאמענט, ווען ער איז געווען בגלופין.

דער בעשולדיגטער איז פערמשפט געווארען אויף 6 חדשים ארעסט.

„די בעדייטונג פון דער אינדוסטריע פאר דער מלוכה״

רעפעראט פון אדוו. סט. פאוולאווסקי

דעם 13-טען ד. ח. האט אדוו. סטאניסלאוו פאוולאווסקי געהאלטען א רעפעראט אין דער ליגע פון מלוכה-פלעגער א. ד. ט. „די בעדייטונג פון דער אינדוסטריע פאר דער מלוכה״. דער רעפערענט האט אין אויספיהרליכע שטריכען כאראקטעריזירט דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין פוילען. פערגלייכענדיג דעם איציגען צושטאנד פון דער פוילישער אינדוסטריע מיט דעם צושטאנד אין אנדערע לענדער. דער רעדנער ווייזט אן, אז ביי אונז אין פוילען לעבען 70 פראצ. פון דער בעפעלקערונג פון ערד-ארבייט, און נאר 10 פראצ. האלט זיך אויס פון דער אינדוסטריע-ארבייט.

דער רעפערענט געהט דאן איבער צו דער עקספארט און אימפארט-פראגע אין פוילען און פיהרט אויס, אז דער ווירטשאפטליכער אויפבליה קען נישט זיין אהן דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

דער אינטערעסאנטער רעפעראט איז פון די אנוועזענדע אויסגעהערט געווארען מיט גרויס פעראינטערעסירונג, נאכ׳ן רעפעראט איז פארגעקומען א דיסקוסיע.

אפטייקען

(2) היינט בײנאכט דיזשורירען: א. פאטאש (פלאץ קאשטשעלני 10), א. כארעמזא (פאמארסקא 12), ע. מילער (פיעטרקאווער 46), מ. עפשטיין (פיעטרקאווער 225), ז. נארטשיצקי (פשעיאזד 54), ג. אנטאניעוויטש (פאביאניצער 50).

די ארבייטסלאזיגקייט

(2) ביז׳ן 7 ה. ח. זענען אין דער לאדזשער וואיעוואדזשאפט געווען רעגיסטרירט 4815 ארבייטסלאזע, וועלכע האבען גענומען שטיצע.

ביז׳ן 15 ה. ח. האט זיך די ארבייטסלאזיגקייט פערגרעסערט מיט 453 ארבייטסלאזע.

ליקווידירט דעם קאנפליקט

אין דער קאנפעקציע-אפטיילונג ביי דער „ווידזעווער מאנופאקטור״

(א) ביים ארבייטס-אינספעקטאר איז נעכטען ליקווידירט געווארען דער קאנפליקט אין דער קאנפעקציע-אפטיילונג ביי דער „ווידזעווער מאנופאקטור״ אין הסכם פון ביידע צדדים.

א רויב-אנפאל

צוגערויבט 3 זלאטעס מיט 75 גראשען

(א) פארגאנגענעם שפעט אין אווענט איז אויפ׳ן שאסע צווישען פיאנטעק און זגיערזש אויסגעפיהרט געווארען א רויב-אנפאל. דריי רויבער זענען בעפאלען דעם זגערזשער איינוואוינער סטאניסלאוו וואידא, וועלכער איז געפאהרען אויף זיין פוהר און געפאדערט פון איהם געלד. ווען דער ב״פ ״״ר האט ערקלערט, אז ער האט ביי זיך נישט קיין געלד האבען די רויבער איהם רעווידירט און געפונען ביי איהם... 3 זל. מיט 75 גראשען.

די רויבער האבען פונדעסטוועגען די סומע ביי איהם צוגענומען און אנטלאפען. דער בערויבטער האט געמאלדען דער פאליציי, וועלכע האט זיך געלאזט מיט גייעג נאך די רויבער.

קלאנג-קינא
CAPITOL

היינט און פאלג. טעג!
די וועלט פון פאנטאזיע און חלום
אין אויסטערלישען גרויל- און שפאנונג-פולען מייסטערווערק א. נ.

King-Kong

רעאליזאציע פון ע. שעדזאק
לויט די ווערק פון ע. וואלאס
די העכסטע מדרגה פון טעכניק און רעזשיסעריע. די גאנצע וועלט איז בערוישט פון דעם דאזיגען מייסטערווערק.
אין די הויפט-ראלען: Fay Wray
Robert Armstrong
Bruce Cabot
אין די 23-מעטערדיגע פערזעהניש
KING KONG

אנהויב אין געוועהנל. טעג 4,30 נאכמ.
שבת און זונטאג 12.30 בייטאג.

Dr. med. H. LUBICZ
ספעציאליסט פאר ווענערישע און געשלעכטס-קראנק.
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32.
נעהמט אן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאכמ. און פון 5—8 אווענד, זונטאג פון 9—11 בייטאג.

Dr. R.
Zalcwasser
CHIRURG — כירורג
ציגעל-גאס 19, טעל. 17-125
נעהמט אן פון 1—2 בייטאג און פון 4—7 נאכמ.

יודיש טעאטער „פילהארמאניע״
נארוטאוויטש 20 טעל. 213-84.
מ. מענדעלסאן פרעזענטירט דעם ווינער אמאנט און זינגער, דעם שענסטען יודישען ארטיסט

בן-ציון ווייטלער

צו זיינע אויפטריטען מיט׳ן אנסאמבל פון „פילהארמאניע״.
פון מארגען, פרייטאג, ד. 17 ד. ח. 9 אוונט און טעגליך צום ערשטען מאל אין לאדז פרעמיערע!
סעזאן-שלאגער, רעקארד פון ווארשאווער „צענטראל״-טעאטער
„יאנקא ציגיינער״
פריילעכע אפערעטע אין 2 אקטען מיט א פראלאג און עפילאג פון י. שטשאגעל
רעזשי: ב. ווייטלער. גרויסער ציגיינער-כאר, באלעט, הערליכע עפעקטען.
מוזיק׳ן-ארקעסטער פיהרט אן ל. זעלמאן. בילעטען זענען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

קאנדידאטעז צו די שאצונגס-קאמיסיעס בעשטעטיגט
דורך דער לאדזער האנדעלס-קאמער

אין שייכות מיט דער פערענדיגטער קאדענץ פון א העלפט מיטגלידער פון די שאצונגס-קאמיסיעס פאר'ן אומזאץ-שטייער, האט די האנדעלס-קאמער שוין צוזאמענגעשטעלט די קאנדידאטן-רשימה און איבערגעשיקט דער פינאנץ-קאמער.

די טעג ענדיגט אויך די האנדעלס-קאמער די ארבייט ביים צוזאמענשטעלן די מיטגלידער-רשימות אין די שאצונגס-קאמיסיעס אויף דער פראווינץ.

קאנפליקט צווישן דער „לאדזער ראדיא-משפחה”
מיט דעם קאמיטעט פאר בלינדע קינדער ווערט ליקווידירט

די לאדזער סטאראסטווע מאכט בעקאנט, אז דער קאנפליקט צווישן דער „לאדזער ראדיא-משפחה” מיט דעם אויפזיכטס-קאמיטעט פון בלינדע קינדער ביי דער ספעציאל-שולע 82, וועלכער האט אויסגעבראכן צוליב דער זאמעל-אקציע פאר די בלינדע קינדער, האלט ביים ליקווידירט ווערן. די טעג וועט אין דער סטאראסטווע פארקומען א געמיינזאמע קאנפערענץ.

יוסף אין מצרים

פערמשפט געלד-פעלשער

(2) נעכטען איז אין לאדזער קרייז-געריכט פארגעקומען דער פראצעס קעגען 33-יעהריגען סטאניסלאוו זאגורסקי און דעם 24-יעהריגען אלעקסאנדער טיל, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארן אין פערשפרייטען פאלש-געלד.

זאגורסקי אנערקענט זיך פאר שולדיג און פערענטפערט זיך, אז ער איז געווען ארבייטסלאז, און ער האט אויסצוהאלטען א פרוי מיט 3 קינדער, דעריבער האט ער זיך פערנומען מיט דעם פאלשען געלד. דאס פאבריצירען פאלש געלד האט איהם אויסגעלערנט א געוויסער וואויטשעכאווסקי, וועלכער איז שוין מעהרערע מאל בעשטראפט געווארן פאר געלד-פעלשען.

וואס שייך דעם צווייטען בעשולדיגטען טיל, האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז אויך א דעזערטיר.

נאכ'ן אויסהערען א רייהע עדות האט דאס געריכט ארויסגעטראגען אנ'אורטייל, לויט וועלכען זאגורסקי איז פערמשפט געווארן אויף 4 יאהר תפיסה, און טיל אויף 10 חדשים.

ארעסטירט א פערשפרייטערין פון פאלש געלד

(2) אויף דער סטאציע פון דער פאבריק-באהן, האט א פאליציאנט נעכטען בעמערקט ווי א פרוי האט געוויזען איינעם א מאנספערשוין א נייעם 10-זל. שטיק מיט'ן בילד פון קעניג יאן סאביעסקי.

דער פאליציאנט איז צוגעגאנגען צו דער פרוי און זיך געהייסען וויזען די נייע מטבעה, וואס האט זיך ארויסגעוויזען פאר פאלש.

די פרוי איז ארעסטירט געווארן און מ'האט ביי איהר געפונען 45 שטיק נייע פאלשע 10-זל. שטיק.

פאליטישער פראצעס

(א) דאס לאדזער קרייז-געריכט האט נעכטען פערמשפט דעם 35-יאהריגען טשעסלאוו באגראנסקי אויף 4 יאהר תפיסה און דעם 33-יאהריגען אדאם בראדקא – אויף 1 יאהר תפיסה פאר דרוקען קאמוניסטישע ליטעראטור, וואס מען האט געפונען ביי זיי אין די וואוינונגען.

Dr. med.
Z.Rakowski
ספעציאליסט פאר אוירען, נאז, האלז
און לונגען-קראנקהייטען
וואוינט יעצט
פיעטריקאווער 67, טעל. 1 27-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 11—1 און פון 2—3 נאכמ.

ווענען דער גוטער טעטיגקייט פון א מאטאר

בעשטימט די גרויסע קראפט ביי א קנאפען פערנוצען שטראם. פארוואס גיסטו נישט אכטונג ביים קויפען א זשארובקע, צי איהר ליכט-פראדוקטיוויטעט געפינט זיך אין א ענטשפרעכענדער עקאנאמישער פראפארץ צו דעם שטראם. וויפלען זי פערברויכט? ווייניג פערנוצען שטראם און ארויסגעבען א סך ליכטיגקייט איז דער סימן פאר א עקאנאמישער זשארובקע. פאדערט אלזא אומעטום זשארובקעס

TUNGSRAM

הספד נאכ'ן לובלינער רב זצ"ל אין שוהל „באר-מרים”

שבת-צו-נאכטס איז פארגעקומען אנ'אסיפה מיט'ן צוועק צו פראקלאמירען די „כופר-נפש”-אקציע אין גייער'ס ראיאן. עס איז ספעציעל געקומען דער פערוואלטונגס-מיטגליד פון דער לובלינער ישיבה משה זילבער פון לובלין.

עס איז בעשלאסען געווארן צו פיהרען די אקציע.

צומארגענס זונטאג אווענד איז פארגעקומען א הספד אין דער שוהל זארזשעווסקא 18. עס האבען געהאלטען הספדים: אפריים ווערקציינג, חיים מנחם הארוויץ, פרעזעס פישל ליבערמאן און פרנס דוד הירש זילבערשטיין.

נאך די הספדים איז פארגעקומען א געלד-זאמלונג.

גראנדיעזער חנוכה-באזאר פון קרן קימת לישראל

זייט עטליכע יאהר ארדענט אייך דער קרן-קימת אין אלע שטעט אין פוילען אום חנוכה ספעציעלע באזארען, וועלכע זענען א בעדייטענדע הכנסה-צווייג אין בודזשעט פון קרן-קימת.

אין הסכם מיט דער דאזיגער טראדיציע האט אויך דער היגער קרן-קימת קאמיטעט בעשלאסען איינצוארדענען אין די טעג פון חנוכה א גראנדיעזען באזאר מיט פערשידענע פעראנשטאלטונגען, וואס זאלען ענטשפרעכען דעם גייסט און אויפגאבען פון קרן-קימת.

צו דעם צוועק ווערען געמאכט אלע נויטיגע פארבערייטונגען און עס זענען שוין פארגעקומען א רייהע פערזאמלונגען פון פרויען און ציוניסטישע עסקנים, וועלכע זענען שוין צוגעטרעטען צו דער פראקטישער אדורכפיהרונג פון באזאר.

Dr. med.
L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
עלעקטראנאליזען.
נעמט אן פון 8—11 און 4—8 אוו. זונטאג פון 9—1 בייטאג
פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פרייזען.

אנ'אומגליק מיט א 8-יעהריג מיידעלע

(א) אויף זשגאווסקא עק זאזשעווסקא איז די 8-יעהריגע קריבוס ארונטערגעפאלען אונטער אנ'אויטא. אין א שווערען צושטאנד האט די פאגאטאוויע אפגעפיהרט דאס מיידעלע אין שפיטאל „אננא מאריא”.

געגען דעם שאפער אדאמסקי ווערט פערפיהרט א פראצעס.

זעלבסטמארדעז

(א) אויף זשוראוויא 14 האט זיך פער'סמ'ט דער 32 יעהריגער יוזעף זשענטאלאק, וועלכען די פאגאטאוויע האט אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

(2) אויף באנקאווא 5 האט זיך פער'סמ'ט די 42-יעהריגע געניא פיאטראווסקא, וועלכע מען האט אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

TEATR REWJI KOMIKÓW
Al. I Maja 2.
פון היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסער קאנקורענצלאזער רעווי-רעפערטואר
1-טער טייל:
אויף ביידע לאפאטקעס
אין 20 אריגינעלע שלאגער-בילדער.
2-טער טייל:
גרויסער אינטערנאציאנאלער
פרייע-רינגקאמף-טורניר
ווענען דער מייסטערשאפט פון פוילען און געלד-פריזען.

ריכטער Green טעגליך קעמפן 3 פאר
אנהויב אין נעוו. טעג 8 און 10 אוו.
אמאטאָרים אויפן זאל נאך יעדן נומער.
אנהויב שבת און זונטאג — 5 נאכמ.
7.30 און 10 אווענד.
דער זאל איז גוט בעהייצט.
מוזיק אונטער לייטונג פון K.BAJON i W.ORSKI

ר. אייזראעל

דירעקטאר אדאלף גאלד

סענסאציאנעל-שפאנענדער ראמאן פון יודישען לעבען

91

— יאן מייסטער? האט טאובע זיך געטראכט איך האב נאך דעם דאזיגען נאמען קיינמאל נישט געהערט, און הגם טאובעס שטימונג אין איצטיגען מאמענט איז נישט געווען אויפצונעהמען יעמען עס איז, האט ער דאך געהייסען אריינבעטען דעם אונבעקאנטען

— איך בין יאן מייסטער האט דער אריינגעקומענער געזאגט, ווי באלד ער האט איבערגעטרעטען די שוועל פון טאובעס צימער

— דאס האב איך געוואוסט, לויט דער וויזיט-קארטע וואס איהר האט מיר אריינגעשיקט

— איך בין א פערברעכער...

טאובע איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, מיינענדיג, אז ער האט צו טון מיט א משוגענעם

— איך בין דער, וועלכער האט ביי אייך ארויס געגנבעט מיט עטליכע וואכען צוריק א פעקעל דאקומענטען און בריף, וואס איהר האט געהאט בעשטעלט צוצונעהמען ביי דער ארטיסטקע, וועלכע איז געפאהרען פון ווארשא קיין בריסעל

טאובע האט זיך נאך מעהר דערשראקען און געוואלט זיך צוריקען צו דער טיר, כדי צו רופען נאך הילף

— איהר דארפט איצט נישט קיין הילף, האט מייסטער איהם פערשטעלט די טיר, איצט בין איך נישט אהערגעקומען צו אייך כדי אויסצופיהרען א פערברעכען, נאר כדי אייך א טובה צו טון, איך שווער אייך דערויף

דעם אונבעקאנטענס רייד האבען טאובען א ביסעל בערוהיגט

— וואונדערט זיך נישט הער טאובע, איך האב ביז איצט בעלאנגט צו א באנדע עקספלאטאטארע פער ברעכער, וועלכע האבען אויפ'ן געוויסען פיל מענשליכע לעבענס, אבער איצט האב איך איבער געריסען מיט זיי, איצט בין איך געקומען ווארעבען

— כאר ווענען?

— פאר א פרוי

— רעדט דייטליכער, וואס איהר מיינט דערמיט

— מען וויל אייך ערמארדען, אזא בעשלוס האט אנגענומען די עקלהאפטע באנדע

— ווער דארף מיך ערמארדען, האט טאובע געפרעגט, הגם ר'האט שוין פון דער טעלעגראמע וועלכע איז געלעגען פאר איהם אויפ'ן טיש, געוואוסט יוענען וואס עס האנדעלט זיך

— אייך דארף ערמארדען, לויט א בעפעהל איינער א בעקאנטע פרוי, אזוי ווי ס'זענען שוין איבעריגענס געווען עטליכע אזעלכע פאלען

— ווי הייסט די פרוי

— ביוטא ווייס.

— ווי פאלט איהר אויס מיך צו קומען ווארענען, צוליב וואס טוט איהר דאס

— איך האב אייך שוין געזאגט צוליב וואס, גאנץ פשוט צוליב דעם, ווייל איך האב איבערגעריסען מיט דער באנדע, צו וועלכער איך אליין האב אויך געהערט און זוך איצט נקמה צו נעהמען פון זיי

— אויב איהר קענט אזוי גוט בעהאווענט אין דער גאנצער געשיכטע, טא זאגט מיר אויף וואס פאר א אופן וויל מיך ביוטא ערמארדען

— זי וויל אייך פערגיפטען, דער פלאן איז אויס געארבייט אויף דעם אופן, אז זי וועט אייך איינלא דענען אין א צוקערניע, דארט וועט זי אייך אין אייער טיי, אדער קאווע אריינשיטען עפעס א פראשעק און אין צווייטע שעה ארום וועט איהר שטארבען אין די גרעסטע יסורים, בישט קומענדיג צום בעוואוסטזיין

טאובען האט זיך אלץ גלייך געלייגט אויפ'ן שכל, אלץ איז געווען לאגיש און צוזאמען מיט דער בעכטיגער איינלאדונג פון ביוטא איז דאס אלץ געווען אמת

— הער באנקיר טאובע, גלויבט איהר מיר אין דעם וואס איך האב אייך איבערגעגעבען

— יא, איך גלויב אייך

— און וואס זענט איהר ענטשלאסען צו טון

— נישט צו טרעפען זיך מיט ביוטא ווייס

— איהר טוט נישט גוט הער טאובע, איהר דארפט זיך יא מיט איהר טרעפען

— צוליב וואס?

— כדי אויסצומיידען אנ'אומגליק פון ביוטא ווייס

— ווי אזוי זאל איך דאס פערשטעהען?

— גאנץ פשוט, ביוטא ווייס איז גארנישט שולדיג פונקט אזוי ווי דיר. גאלד, פונקט אזוי ווי ס'איז גארנישט שולדיג געווען די פרוי ראזען און נאך פיל אנדערע, ביוטא ווייס געפינט זיך אונטער א שטארקען היפנאז און זי פיהרט בלויז אויס דעם ווילען פון אנדערע

טאובע איז געווען אויסער זיך, ער האט זיך דערוויל נישט געקענט אריענטירען אין אלעם, ער איז געווארען אזוי אונבעהאלפען ווי א קליין קינד און האט זיך געווענדעט צו מייסטערן

— ווי אזוי דארף איך זיך בוהג זיין?

— איהר דארפט געהען אין דעם ארט וואו ביוטא ווייס וועט אייך בעשטעלען אדער האט אייך שוין בעשטעלט, איהר דארפט זיך באר היטען נישט צו טרינקען און נישט צו עסען פון דעם וואס ביוטא וועט אייך געבען, דאגעגען וויל איך אייך פארלעגען, אז איהר זאלט אונבעמערקטערהייט אריינשיטען אין טיי פון ביוטאן דעם פראשעק וואס איך גיב אייך דא, דאס וועט די אויפוועקען פון איהר היפנאז און זי וועט זיך דערמאהנען אין אלעם, ווייל אויב איהר וועט דאס נישט טון, וועט זי מיט דעם דאזיגען היפנאז ארומגעהן איהר גאנץ לעבען און וועט גארנישט, געדענקען אפילו וואס זי האט געטון, אזוי ווי ס'קומט פאר מיט דער פרוי ראזען

טאובע האט זיך דערשראקען פאר מייסטערס רייד

— צי ווילט איהר מיך נישט אריינפיהרען אין עפעס אן אנ'אומגליק, מיך צורעדען צו א פערברעכען

— זאל גאט היטען, וואס פאלט אייך איין הער טאובע

טאובע איהר בערוהיגט זיך נאר א ביסעל און פערטראכט זיך אויף דעם וואס איך האב אייך געזאגט און דאן וועט אייך אלץ קלאר ווערען ווי אויף דער האנד, איך רעכען, אז איהר וועט טון אזוי ווי איך האב אייך געראטען

טאובע האט זיך פערטראכט און דאן האט ער זיך דעצידירט

— גוט איך וועל אזוי טון

טאובע האט גענומען דעם פולווער וואס מייסטער האט איהם דערלאנגט און אריינגעלעגט אין טאש, דאן האט ער זיך ווידער אמאל געווענדעט צו מייסטערן

— דוכט זיך, אז איהר האט מיר געזאגט, אז איהר זענט דאס געווען דער, וועלכער האט פון מיין קאסע-שאנק צוגערויבט די דאקומענטען און בריף

— יא, איך און מיינע מיטהעלפער

— אויב איהר האט טאקע איבערגעריסען מיט די פערברעכער, אפשר וואלט איהר מסכים געווען מיר צוריק צוגעבען די דאקומענטען, איהר קענט שטעלען פאר זיי וועלכען פרייז איהר ווילט באר

— איך וואלט דאס אין איצטיגען מאמענט געטון אהן שום פרייז, ליידער האב איך זיי נישט מעהר

— וואו געפינען זיי זיך?

— ביי א גרויסער ארטיסטקע

— ביי דערזעלבער ביי וועלכער איך האב זיי גענומען?

— יא, ביי איהר.

— וואו געפינט זי זיך איצט?

אין דער בעלגישער הויפט-שטאט בריסעל

— אין בריסעל?

— יא, פארוואס וואונדערט איהר זיך אזוי

— דאס איז פאר מיר אנ'איבערראשונג, איך האב געמיינט, אז זי געפינט זיך ערגעץ אנדערש וואו

(פארטזעצונג קומט)

טויט=שטראף איז גאר א פערגעניגען, נישט קיין שטראף

ערקלערט א היטלער=פראפעסאר

פון דוד איינהארן.

איך האב אמאל מיט א בעקאנטען דאקטאר גע־זוכט א משוגעים־הויז. אפגעלעגט אן א זייט פון די איבעריגע געביידעס איז געשטאנען א גרויסער געמויערטער בנין, א־ומגענומען מיט א הויכען פארקאן און פערשטעלט מיט א געדיכטער וואנט פון ביימער. אויסגעזעהען האט די געביידע גיכער ווי א געפענגעניש, איידער ווי א קראנקען־הויז.

— דא — האט מיר דער דאקטאר געזאגט — געפינען זיך די ווילד־געווארענע משוגעים, די געפעהרליכע. ווען מען זאל זיי היינט ארויסלאזען פריי אין שטאט, וואלטען מיר מארגען האבען א פאר צעהנדליג מארדען, שרפות, פערגוואלטיגונגען. מיט איין ווארט, עס וואלט זיין אן איבערקעהרעניש.

איך האב דאך געבעטען דעם דאקטאר, ער זאל מיך אהין אריינפיהרען.

— איך ווארט אייך פאראויס, — האט דער דאקטאר מיר געזאגט. — איהר וועט לאנג דארט נישט אויסהאלטען. דא מוז מען האבען מענשען מיט אייזערנע נערווען.

איך מוז מודה זיין, אז מעהר ווי ביז דער טיר בין איך נישט צוגעגאנגען. פאר מיר איז גענוג גע־ווען צו הערען די ווילדע חיה׳שע שטימען, דאס רופען און ברומען, די בלוט־דורשטיגע אויסגע־שרייען, די אפגעהאקטע פראזען, וואס זענען פון די פענסטער צו מיר דערגאנגען, אז איך זאל פער־שוהמט אפטרעטען צוריק.

דער דאקטאר איז געווען גערעכט. מיינע נער־ווען האבען נישט אויסגעהאלטען.

— דא קאנט איהר זעהן, וואס פאר א ווילדע, חיה׳שע, בלוטיגע נייגונגען עס שלאפען אפט אין דער לעבעדיגער בעשעפעניש, וואס מיר רופען „מענש“. דא קאנט איהר זיך איבערצייגען, וויפיל אימה, שרעק און שודער עס קאן ליגען פערבאר־גען אין א מענשליכער נשמה. און דאס מערקווירדיגסטע איז, וואס איהר האט דא מענשען פון אלע קלאסען, — פון א פשוט׳ען ארבייטער ביז א הויך־געבילדעטען פראפעסאר.

דעמזעלבען איינדרוק בעקומט מען, ווען מען לעזט די ביכער און די צייטונגען און די בעריכטען פון די רעדעס, וואס ערשיינען אין היטלערס דייטשלאנד. יא, א טייל פון די זענען אזוי שרעקליך, אז די היטלער־רעגירונג אליין פערבאט זיי צו פער־עפענטליכען. בלויז פון צופעליגע צוהערער דער־וויסט מען זיך, וואס דארטען ווערט גערעדט.

און איך מוז צוגעבען, אז בלויז מענשען מיט שטארקע נערווען קאנען עס אויסהאלטען. און איך בעט דעם לעזער צו פערשטעהן די שווערע ארבייט פון די זשורנאליסטען, וואס זענען מחויב טאג־איין טאג־אויס צו לעזען און צו זאמלען די דא זיגען שטימען פון דעם ריזיגע משוגעים־הויז, וועלכער הייסט איצט „היטלער דייטשלאנד“.

און דאס טראגי־קאמישסטע איז, וואס די ווילד־געווארענע משוגעים האלטען פארלעזונגען פאר נערווען־ספעציאליסטען וועגען נערווען־קראנקהייטען. די משוגעים זענען די נערווען־ספעציאליסטען אליין.

אט האבען מיר א ביישפיל פון אזא רעדע, וואס איינער מיטן נאמען האכע, א פראפעסאר פאר נערווען־קראנקע אין אוניווערזיטעט פון דער שטאט פרייבורג, האט געהאלטען אויף א פערזאמלונג פון באדענער נערווען־דאקטוירים. די דאזיגע פארלעזונג קאן מען געפינען אפגעדרוקט אין נומער 10 פון דער „מאנאטשריפט פאר קרימינאל־פסי־כאלאגיע און שטראף־רעכטס רעפארם“.

דער טיטעל איז: „טויט־שטראף איז קיין שטראף נישט“.

צוערשט ערקלערט דער פראפעסאר, אז די געגנער פון טויט־שטראף געהען א־ויס פון דעם אלגעמיינעם געדאנק, אז עס איז בעסער צו לעבען, איידער צו זיין טויט. דעם דאזיגען געדאנק האלט דער פראפעסאר פאר נישט ריכטיג.

פאר א בעווייז קאן דינען די 17 טויזענט זעלבסטמארדען, וואס קומען פאר יעדען יאהר אין דייטשלאנד און ביי אנד. צעהנדליגער טויזענטער — די בענקשאפט נאכ׳ן טויט. שוין דאס אליין, האלט דער פראפעסאר, איז גענוג צו איבערצייגען, אז טויט־שטראף איז גאר קיין שטראף נישט, נאר א רעגעלער פערגעניגען.

לויט דער מיינונג פון דעם דאזיגער פראפעסא־ר פערענדיגען די 17 טויזענט מענשען זייער לעבען צוליב פערגעניגען. זיי ווילען פשוט הנאה האבען פון טויט. דעם בלוטיגען היטלער־פראפעסאר פאלט נישט איין, אז דאס רוב זעלבסטמערדער אין דייטשלאנד קלייבען אויס א שנעלען טויט, אנשטאט א לאנגזאמען פיינפולען הונגער־טויט.

נאר לאמיר דעם דאזיגען פערגעניגען איבער־לאזען דעם פראפעסאר. האפענטליך, וועט די קלאר־געווארענע דייטשלאנד איהם, פריהער אדער שפעטער, פערשאפען דעם דאזיגען פערגעניגען.

ווייטער זאגט דער פראפעסאר, אז עס איז א גרויסער טעות צו מיינען, אז טויט־שטראף ברענגט דעם מענשען גרויסע יסורים. ווא־ים טויטע, ער־קלערט דער חכם, לייד־ען נישט. וואס אנבעלאנגט די מינוט, ווען מען האקט אראפ דעם קאפ, איז דאס אויך נישט אזוי געפעהרליך. דער דענטיסט, זאגט דער פראפעסאר, איז א סך ערגער, איידער די גילאטינע, אדער די האק. די יסורים ביים ארויסרייסען א צאהן זענען א סך שרעקליכער, ווי די יסורים ביים אראפהאקען דעם קאפ.

עס איז נאך א וואונדער, וואס אנשטאט צו געהען צום דענטיסט, לויפט נישט דער דאזיגער פראפעסאר דירעקט צום הענקער, ער זאל איהם מיט איין קלאפ בעפרייען נישט נאר פון די צעפוילטע ציינער, נאר פון זיין גאנצען צעפוילטען מוח.

און פון דעם אלעמען, מיינט דער פראפעסאר, איז קלאר, אז טויט־שטראף איז קיין שטראף נישט.

איצט, פילאזאפירט ער ווייטער, וועלען די געגנער זאגען, אז דער שרעק פאר׳ן טויט איז דאך אויך א גרויסע מאטערניש.

דאס איז אמת, גיט צו דער פראפעסאר. אבער די מענשען ווערען דאך נישט פערארורטיילט צו טויט־שרעק, נאר צום טויט. דאס, וואס זיי האבען טויט־אנגסטען, דאס איז, אייגענטליך, די זאך פון די פע־ר־משפט׳ע. די מלוכה פאדערט עס נישט פון זיי. ער אליין, צום ביישפיל, וועט זיך מעהר שרעקען פאר צעהן יאהר קאטארגע, איידער פאר׳ן ביסעל שטארבען.

אלזא, פאר׳ן היטלער־פראפעסאר איז טויט־שטראף גאר קיין שטראף נישט. לויט זיין מיינונג, מוז מען פאר די פער׳משפט׳ע צוטראכטען אנדערע שטראפען, וואס זאלען זיין ערגער פון טויט.

עס ווערט קאלט פון דעם דאזיגען בלוטיגען רעדען פון א ווילד־געווארענעם משוגע׳נעם.

קלאנג-קינא=טעאטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26
היינט און פאלג. טעג!
גרויסער דאפעלטער פראגראם
— I —
די געפעהרליכע פראבע
אין דער הויפט-ראלע:
הענרי קענדאל און בעטי אמאנט
— II —
„א שעה מיט דיר“
מיט Jeanet Macdonald
און Maurice Chevalier
אנהויב פון די ס׳ואכענטען טעגליך 4.30 נ״מ
שבת און זונטאג — 12.30 א זייגער בייטאג

אין היטלעריסטישע דייטשלאנד

דניאל טשארני פערלאזט בערלין

און זיך בעזעצט אין ריגע

בערלין. די טעג האט פערלאזען בערלין און זיך בעזעצט אין ריגע דער בעקאנטער יודישער שריפטשטעלער און לאנגיעהריגער בערלינער קארעספאנדענט פון „טאג“ און אנדערע צייטונגען דניאל טשארני. פאר זיין אפפאהר איז לכבוד טשארני׳ן איינגעארדענט געווארען אן אפשיד־אוונד פון די אין בערלין וויילענדע יודישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען און פיהרענדע פערזענליכקייטען פון די יודישע סאציאלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען דער סעקרעטאר פון פעראיין פון דער אויסלענדישער פרעסע אין בערלין קארל מייער און א רייה אנדערע רעדנער.

צוויי מאסען פון גערעכטיגקייט

פאדערט דער ארגאן פון דער דייטשער „גערעכטיגקייט“

בערלין. די „יוריסטישע וואכענשריפט“, וואס ערשיינט אונטער דער אויפזיכט פון יוסטיץ־מיניסטער ד״ר פראנק, פערעפענטליכט אן ארטיקעל אין וועלכען עס ווערט געפאדערט, אז אין דייטשלאנד זאל איינגעפיהרט ווערען צוויי גערעכטיגקייטס מאסען: איינע פאר אריער און די אנדערע — פאר יודען. אין דעם ארטיקעל — א. ס. „יודען אין ליכט פון שטראף ווענען“ — ענטוויקעלט די „יוריסטישע וואכענשריפט“ די טעאריע, אז יודען אלס נאציע בעגעהען ווייניגסטענס צוויי מאל מעהר פערברעכען ווי אריער און דערפאר דארפען יודען שטרענגער ווי אריער בעשטראפט ווערען. אזוי, למשל, זאלען יודען בעגעהן פראפארציאנעל דאפעלט שווינדלערייען, און יודישע באנקראטען זאלען כלומרשט זיין צוואנציגמאל פון דער צאהל ארישע באנקראטען. די דאזיגע בעטראכטונגען דרוקט די „יוריסטישע וואכענשריפט“ אין צוזאמענהאנג מיט דער בעהאנדלונג פון דעם נארוואס ערשינענעם בוך פון וואלטער פעלטש וועגען „דער יודישער ראסע און איהר פערברעכערישקייט“.

(ידיעות פון י. ט. א.)

יעדע וואך פערלאזן דייטשלאנד דורכשניטליך 20 יוד. דאקטוירים

בערלין. די בערלינער „ערצטע=קארעספאנדענץ“ טיילט מיט, אז אנ׳ערך 40 פראצענט פון די יודישע דאקטוירים, וואס האבען פערלאזען דייטשלאנד, האבען זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל. די צייטשריפט שטעלט פעסט, אז דורכשניטליך פערלאזען דייטשלאנד 20 יודישע דאקטוירים א וואך עס ווערען געמאכט בעמיהונגען צו ערמעגליכען יודישע דאקטוירים זיך צו בעזעצען אין די פאראייניגטע שטאטען. עס איז דא א האפנונג, א דורך דער פערמיטלונג פון אמעריקאנער קאנסול אין בערלין זאל בעקומען ווערען א געוויסע צאהל וויזעס פאר דאקטוירים, וואס האבען גענוג מיטלען אויסצוהאלטען זיך אין די פאראייניגטע שטאטען אין משך פון א יאהר צייט ביז זיי וועלען דורכמאכען די שטאטס=עקזאמענס, וואס זענען פאראויסגעזעהען פאר אויסלענדישע מעדיקער, וועלכע האבען בדעה זיך צו עטאבלירען אין אמעריקא.

יודען צווישען די פראטעסטאנ=טישע גייסטליכע אין דייטשלאנד

בערלין. פון א בעריכט, וואס איז נאר וואס פערעפענטליכט געווארען, איז צו זעהען, אז אנ׳ערך 600 פראטעסטאנטישע גייסטליכע, וואס זענען פעראייניגט אין „פאנעגבערג-בונד“ (אונטער הינדענבורג׳ס פאטראנאט), ליידען פון „אריערפאראגראף“. די דאזיגע צאהל נעהמט ארום בלויז די פראטעסטאנטישע גייסטליכע, וואס שטאמען אליין פון יודען, דאגעגען איז נאך נישט פעסטגעשטעלט די צאהל גייסטליכע, וואס וועלען מוזען ליידען צוליב דער יודישקייט אדער יודישער אפשטאמונג פון זייערע פרויען. די „יודענשטאמיגע“ צווישען דער פראטעסטאנטישער גייסטליכקייט בעטרעפען 3 פראצענט פון גאנצען קלער, דער דאזיגער פראצענט־זאץ וועט אבער זיין בעדייטענד גרעסער, ווען מען וועט צורעכענען אויך די גייסטליכע, וואס זייערע פרויען זענען יודישע אדער פון יודישער אפשטאמונג.

וועניציע — די אינזעל־שטאט

(פון א רייזע איבער איטאליע)

אלימלך.

מיר דערנעהנטערען זיך צו וועניציע.

פערלאזען היניטער זיך די שטאט מעסטרע און אונזער צוג לייט מיט אימפעט איבע־ר׳ן לאנגען בריק, וואס פערבינדעט די וואונדערליכע וואסער־שטאט וועניציע מיט דער יבשה.

וועניציע! אין די שעהנסטע און ליכטיגסטע פארבען האבען מיר זיך דאך אויסגעמאלט אט די דאזיגע שטאט, וואס דא־ף פערכאפען יעדען איינעם, וואס קומט נאר אויף א ווילע אראפ אנקוקען די בעריהמטע אינזעל־שטאט. עס האט זיך געדוכט, אז גלייך אין דער רגע ווען מען מאכט נאר דעם ערשטען פוס־גאנג אין וועניציע מוז מען שוין פערכאפט ווערען פון איהר שיינקייט און פראכט און מיטגעריסען ווערען צו זינגען שירה דער דאזיגער איינציג־ארטיקער שטאט.

אבער... אין ערשטען מאמענט, גלייך אנקומענדיג קיין וועניציע, יוערט מען נישט בעגייסטערט, נאר טאקע אביסעל ענטוישט.

דער ערשטער איינדרוק אראפגייענדיג פון באהן איז ווי מען וואלט אריינפאלען ערגעץ אין ארענט א שמאל געסעל, שרייענדיג, פול מיט מענשען, אלטע אפגערייבענע מויערען און נידריגע הייזקעס — אלץ איז אזוי וואכענדיג, גראה און מרה־שחורה׳דיג... עס איז נישטא וואס עס זאל בעגייסטערען און בעצויבערען...

מיר בלייבען שטיין א פאר מינוט אזוי ווי ענטוישטע: איז דאס טאקע וועניציע? ערשט אז עס וואקסען פאר אונז אויס מחנות שלוחים פון פערשידענע האטעלען, „פיהרער“ ווילען אונז ברענגען צום סאן מארקא פלאץ, לייגען אונז פאר זיך דורכצופאהרען איבער׳ן „קאנאל גראנדע“ און סתם משרתים און יוצר־משרתים בעטען אונז באלד אריין אין א „רעסטאראנט“ טועם צו זיין די איטאליענישע מאכלים.

— אט דאס איז וועניציע? — פרעגט תמעוואהלע אונזער פון אונזערע טוריסטען דעם „פיהרער“ און ווייזט דערביי מיט׳ן האנט אויף דער געדרייטער גאס ליבקס פון וואקזאל און אויף די שמאלע געסלעך אין דער ריכטונג צום אלטען געטא.

מיר זעגען אויפ׳ן „סאן מא־קא פלאץ“ אין צענטער פון שטאטישען לעבען. די ענטוישונג פער־שווינדט גאר גיך... דער רעפרעזענטאנץ קוואנאל פון וועניציע, דער מא־קוס פלאץ, וואס איז אזוי בערימהמט מיט זיינע פרעכטיגען ריזיקע בנינים. מיט זיינע פאלאצען און פאסאזען, הויבט טאקע אן צו בעצויבערען...

אויף דעם סאן מארקא פלאץ איז תמיד פריילעך און לעבעדיג — פון די צעהנדליגער קאפע־הייזער און רעסטאראנען דער־טראגען זיך מוזיק־טענער, וועלכע גיסען זיך צונויף אין איין געמיטליכער סימפאני׳ע. א־ום און ארום: שיינע בעצויבערנדיגע געביידעס — היסטארישע מאנומענטען פון דער אלטער וועניציאנישער רעפובליק. ס׳אויג ווערט ממש פערבלענדעט פון דער הערליכער ארכיטעקטור, פון דער מאזאאיק, פון די פיל גאלד, זילבער און גרויסארטיגע מארמאר־שטיינער מיט וועלכע די בנינים זענען אזוי געשמיקט און געציירט.

מיר גייען אנקוקען די מארקוס־קירך, דעם פער־[illegible]־טורם אויך מא־קוס פלאץ און דעם דאזש־פאלאץ, וואו עס האט זיך מיט א טויזענט יאהר צוריק אפגעשפילט דער גאנצער פאליטישער לע־בען פון דער שטאט וועניציע. אהן א שיעור הויכע זיילען, גרויסע פענסטער און סימבאלישע בילדער סטאטועס. און די זאלען אינעווייניג? יועד קען זיי דאס אויסציילען: אלע זאלען מיט פערשידענע מאלערישע בילדער, וואס זענען רייך געשטיקט מיט גאלד; „סע־אנץ זאל“, „זאל דער פיר טירען“, „ווארשעראוים פאר די געזאנט“, „דער אודיענץ־זאל“ א־ע־ דער פארשטונגס־זאל (מען זאגט, אז דאס איז בכלל איינער פון די גרעסטע, אויב נישט דער גרעסטער זאל אין דער וועלט) „זאל פון די צעהן“ (א געריכט, וואס איז בעשטאנען פון צעהן ראזשען), (זאל פון די פערציג“, „זאל פון העכסטען ראט“ (וועלכער האט געהאט צו זאגען וועגען דיני נפשות) א. א. וו. אט דא זעהט מען בילדער פון 86 דאזשען, וועלכע האבען אנגעפיהרט מיט די וויכטיגסטע ענינים. איין בילד איז אבער פערהילט מיט א שווארצער טוך — דער דאזש איז צוליב א פערברעכען אומגעבראכט געווארען און זיין בילד איז דערפאר פערהאנגען געווארען.

געזעהען אלץ, וואס ס׳איז דא צו זעהען אויפ׳ן סאן מארקוס פלאץ. אראפגעקוקט פון דעם הויכען „קאמפפיליאני טורם“ און דערפילט דעם חוב לגבי די טויבען, וועלכע לאזען זיך אראפ פון דער הייליגער מארקוס קירך אויף דעם רחבותדיג פריילעך יום־טובדיגען „פאיאצא די סאמארקא“.

די טויבען אין וועניציע זענען אזוי היימיש און פאמיליאר מיט אונז טוריסטען... אט שטעלען זיי זיך אויף די פלייצעס, אויף די הענט און אויפ׳ן הוט...

שוין נאר אמאל, אין די אלטע צייטען האט דער סענאט געזארגט דערפאר, אז די טויבען זאלען בעקומען זייערע שפייז פון דער שטאטישע קאסע און נאך היינט צו טאג האלט די געמיינדע א ספעציעלען אנגעשטעלטען, וועלכער שטעלט צו יעדען טאג א פארציע קערנדלעך פאר די חשובע אלטע וועניציאנער תושבים, די בכבודיגע טויבען...

2094 געסלעך זענען פערהאן אין וועניציע, 160 קאנאלען, 390 בריקען און 118 אינזלען פערמאגט די דאזיגע שיינע כישוף־שטאט.

אזוי האב איך אויסגעלייענט אין איינעם פון די „פיהרער“ איבער וועניציג“, און א צווייטען „פיהרער“ ווידער איז די צאהל קאנאלען און בריקען גאר ווען אנגעגעבען אנ׳אנדערע. איך ווייס נישט ווער פון זיי עס איז גערעכט און ווען מען דארף גלויבען. עס איז באמת א בעלנות אנצוציילען 209 געסעלעך אין וועניציע, נישט אין איינעם פון די „פיהרער“ איבער א רייה גרויסע שטעט האב איך זיך נישט אנגעשטויסען אויף דער צאהל גאסען, וואס זענען פערהאן אין דער אדער יענער שטאט. ווע־נעציע, דוכט זיך, איז אין דעם פרט אנ׳אויסנאהם, — און אפשר טאקע דערפאר ווייל אויך איהרע גאסען זענען דאך אנ׳אויסנאהם.

איז דאך וועניציע א שטאט, וואו מען זעהט נישט קיין אויטאס און פוהרליים, א שטאט וואו מען גייט נישט איבער די גאסען, נאר מען שיפט זיך, א שטאט, וואו קאנאלען הייסען גאסען און וואו מארטאר־שיפלעך ווערען אנגערופען טראמווייעס.

390 בריקען פערמאגט וועניציע — קען טאקע א פרעמדער, א טוריסט ארומשפאצירען איבער דער שטאט א־יסמיידענדיג אינגאנצען די גאנדאלע. פערהאן אזוי פיל בריקען, אז מען קען ארומגיין כמעט גאנץ שטאט דורכאויס מיט דער יבשה.

לאז איך זיך טאקע געהן פון סאן־מארקא־פלאץ איבער שמאלע געשלענגעלטע געסעלעך צו דער אלטער יודישער געטא, וואו איך וויל זעהן זיך מיט יודען און אויפזוכען עפעס אזוינס, וואס עס רעדט צום יודישען הארצען.

פון דעם פרייליכען שטימונגספולען און העכער לעך־רחבות׳דיגען „פאצא די סאן מארקא“ גיי איך אין דעם אלטען מרה־שחורה׳דיגען יודישען קוואטאל — אין דער „געטא וועריא“.

דאס לעבען אין ארץ־ישראל

(ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור)

וועגען בוי־ארבייטען אין א״י

ירושלים. אנ'אפיציעלער קאמוניקאט שטעלט פעסט, אז נישט קוקענדיג אויף די לעצטע אומרוהען, זענען נישט איבערגעריסען געווארען די פערשידענע וועג־בוי־ארבייטען, וואס ווערען איצט געפיהרט דורך דער א״י־רעגירונג. צום וועג צווישען בית־שאן און דזשיסר־על־מעדזשאמיעה (אויפ'ן ירדן) זענען איצט צוגעצויגען געווארען 170 מאן.

חוץ דעם דערמאהנטען ווערען געבויט וועגען אויף פאלגענדע שטרעקען: טול־כרם — קאל־קיליעה, יפו — עזה און שכם — דזשיסר־דאמיעה. דער לעצטער ווערט בעטראכט אלס „ספעציעל־וויכטיגער, אלס מיטעל צו פערבעסערען די קאמוניקאציע צווישען עבר־הירדן און שכם מיט דער אויסזיכט ווידער צו בעלעבען דעם קאמערציעלען וואוילשטאנד פון שכם״, ווי עס ווערט געזאגט אין קאמוניקאט. ווי בעקאנט, האבען לעצטענס די אראבישע נאטאבלען פון שכם, אויף א קאנפערענץ מיט'ן הויך־קאמיסאר ־ארטור וואוקאפ, זיך ביטער בעקלאגט אויף דער ווירטשאפטליכער סיטואציע פון דער שטאט.

די רעגירונג מיילט אויך מיט, אז זי האט בעשטעטיגט דעם פלאן וועגען זיכערען וואסער־צופלוס צו קולטיווירונגס־צוועקען אין דרום. דערצו זאל אויסגענוצט ווערען אנ'אלטער טערקישער אייזענבאהן־גראבען צווישען עזה און באר־שבע, אין וועלכען עס זאלען דורך רעגולירענדע ארביי־טען איינגעארדענט ווערען א גרויסער וואסער־אבצוגס־קאנאל. פאר דעם צוועק איז בעשטעטיגט געווארען א סומע פון 4000 פונט, און מען גלויבט, אז עס וועט געלינגען צו בעקומען א צופלוס פון 400 טויזענד קוב־ק־מעטער וואסער, וואס וועט אירינגירען א נייעם שטח פון אנ'ערך פיער טויזענד דונאם באדען.

ביי די ארבייטען אין דרום־א״י וועלען בע־שעפטיגט ווערען לאקאלע ארבייטס־קרעפטען פון צווישען די בעדואינער שבטים, וועלכע האבען לעצטענס געליטען פון אונגערעטעניש.

א גרויסע קליידער־פאבריק אין בני־ברק

תל־אביב. די יודישע משפחה סאנדער־לענד פון גלאזגאו (ענגלאנד), וואס וואוינט איצט אין תל־אביב, איז צוגעטרעטען צו גרינדען אין בני־ברק א גרויסע קליידער־פאבריק.

עקספערימענטאל־סטאציע פאר ציטרוס־פרוכט נעבען ראשון־לציון

ירושלים. אין סאראפאנד, נעבען ראשון־לציון ווערט לויט'ן אויפטראג פון הויך־קאמיסאר געגרינדעט אנ'עקספערימענטאל־סטאציע און מאדעל־פלאנטאציע פאר ציטרוס־פרוכט. דער מוסטער־פרדס ווערט איצט פערלעגט.

א פאליציייאיש־דיסציפלינאר־געריכט

ירושלים. די פאליציי־מאכט האט צו־זאמענגעשטעלט א ספעציעל דיסציפלינאר־געריכט, וואס בעשטעהט פון בריטישע בעאמטע און וואס וועט משפט'ן א געוויסע צאהל אראבישע מיטגלי־דער פון דער יפו'ער פארט־פאליציי, וועלכע האבען בעת'ן אראבישען גענעראל־שטרייק פערלא־זען זייערע פאסטענס און דערמיט בעגאנגען דע־זערציע.

א פסיכאאנאליטישער אינסטי־טוט אין ירושלים

געגרינדעט דורך יודיש־דייטשע דאקטוירים

ירושלים. דייטש־יודישע פליטים זענען דא צוגעטרעטען צו גרינדען א פסיכאאנאליטישע פעראייניגונג, וואס זאל פערבונדען ווערען מיט א פסיכאאנאליטישען אינסטיטוט. דער לעצטער זאל שטעהען אונטער דער ליטונג פון ד״ר מ. איי־טינגאן.

ד״ר אייטינגאן, וואס לעבט איצט אין ירו־שלים, איז געווען פרעזידענט און איצט וויצע־פרע־זידענט פון א אינטערנאציאנאלען פסיכאאנאליטי־שען פערבאנד. זיינער צייט איז ער געווען פרע־זידענט פון דער פסיכאאנאליטיקער־פעראייניגונג אין דייטשלאנד. ער איז געווען גרינדער און ליי־טער פון אינסטיטוט אין בערלין. אין ירושלים'ער אינסטיטוט וועלען מיט ד״ר אייטינגאן מיטארביי־טען ד״ר מ. וואלף (תל־אביב, געוו. פרעזידענט פון דעם רוסישען פערבאנד פון פסיכאאנאליטיקער) ד״ר ק. סמילאנסקי (אסיסטענט פון בערלינער אינ־סטיטוט), ד״ר שאליט (חיפה) און ד״ר ו. קליגע (ירושלים), ביידע לעצטע זענען געווען מיטגלידער פון דער בערלינער פעראייניגונג.

די קאנפערענצען פון עקס־קעניג עלי אין חיפה

חיפה. דער עקס־קעניג עלי האט בעווילט א קורצע צייט אין חיפה אויף זיין וועג קיין אמאן און באגדאד. אין חיפה האט ער אויפגענומען א דעלעגאציע פון אראבישע פיהרער, וועלכע האבען איהם בעריכטעט וועגען די לעצטע געשעהענישען אין א״י. דער עקס־קעניג האט אויך אויפגענומע־דעם דיסטריקט־קאמיסאר קיוראטע. נאכדעם איז דער עקס־קעניג עלי אפגעפאהרען קיין אמאן, וואו ער וועט פערברענגען איינינע טעג ביים עמיר אבדולאה.

צי וועט דער אינטערנאציא־נאלער קאנגרעס

פאר שטאטישע היגיעניע אפגעהאלטען ווערען אין תל־אביב

תל־אביב. דער בירגערמייסטער מאיר דיזענהאף האט זיך געווענדעט מיט אנ'איינלאדונג צום פערבאנד פון שטאטישער היגיענע, אז דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פאר שטאטישער היגיענע אין דעצעמבער 1934 זאל אפגעהאלטען ווערען אין תל־אביב אין די בנינים פון דער תל־אביב'ער אויסשטעלונג.

אויב די איינלאדונג וועט אנגענומען ווערען, וועט דאס זיין דער ערשטער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס אין דער יודישער שטאט.

דער פאל פון א. קאן אין ירושלים

אראבישע קאמיסיע רעהאביליטירט דעם לאנגיעהריגען יודישען מוניציפאל־בעאמטען

ירושלים. לויט א מיטטיילונג פון „דבר״ האט די אויספארשונגס־קאמיסיע פון דער אראבי־שער מוניציפאליטעט אין ירושלים, וואס איז נא־מינירט געווארען צו בעטראכטען דעם פאל פון אנדריו קאן, דעם יודישען דירעקטאר פון ירושלים'ער וואסער־פערזארגונגס־דעפארטאמענט, נישט איינ־געפונען קיין שום גערעכטע מאטיווען, וואס זאלען האבען געקענט גורם זיין צו דער דעמיסיע פון א. קאן, וועלכער איז, ווי בעקאנט, פעראורדענט געווארען דורכ'ן ירושלים'ער בירגערמייסטער ראג־כעב־ביי־נאשאשיבי — ווי בעקאנט, איז די קאמיסיע בעשטאנען אויסשליסליך פון אראבער. נישט קו־קענדיג אבער אויף קאן'ס פולשטענדיגע רעהאבי־ליטאציע דורך דער אראבישער קאמיסיע, זאגט זיך ראגעב־ביי נאשאשיבי אב צוריקצורופען קאן'ען אויף דעם אמט, וועלכען ער האט פערנומען זייט 1918. ווי עס הייסט, פרובט דער אראבישער בירגער־מייסטער צו פערהאנדלען מיט קאנ'ן, פארשלאגענ־דיג איהם א בעדייטענדע סומע אלס ענטשעדיגונג פאר זיין רעזיגנאציע.

בעראטונגען פון דער אראבי־שער עקזעקוטיווע

ירושלים (יט״א) זונטאג, דעם 12־טען נאוועמבער איז פארגעקומען א פלענאר־זיצונג פון דער אראבישער עקזעקוטיווע אויף וועלכער עס איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע פון דער ווייטערדיגער אראבישער אקציע געגען דער יודישער אימיגראציע און דער יודישער ערד־איינקויפען. די בעשלוסען פון דער אראבישער עקזעקוטיווע זע־נען נאך נישט בעקאנט.

„פעלעסטין״ פערעפענטליכט א געשפרעך מיט'ן אראבישען פיהרער דזשעמאל על הוסייני, וועלכער איז ווי בעקאנט, ארעסטירט געווארען בעת די אונרוהען און געפינט זיך איצט אויף דער פריי געגען קויציע. דזשעמאל על הוסייני בעהויפ־טעט, אז דאס אפרופען דעם שטרייק דורך דער אראבישער עקזעקוטיווע דארף מען נישט פערשטעהן אלס בעווייז פון איהר שוואכקייט. די עקזעקוטיווע האט געוואלט געבען צייט דעם הויך־קאמיסאר, ער זאל זיך בעקענען מיט די אראבישע פעטיציעס, צום סוף זאגט זיך אל־וס הוסייני פאר א באיקאט פון יודען און יודישע פראדוקטען דורך מוזולמענער און קריסטען אין א״י אלס מיטעל צו שטיצען די פאר־דערונג וועגען אבשטעלען די יודישע איינוואנ־דערונג.

די אראבישע פרעסע טיילט אויך מיט, דאס די אראבישע פארטיי „איסטאקלאל״ האט בעשלא־סען צו שטיצען די פאליטיק פון דער אראבישער עקזעקוטיווע אין איצטיגען מאמענט און יעט מיט־ארבייטען ביים רעדאגירען די פעטיציעס צום כעל־קערבונד. די פארטיי זאמעלט מאטעריאלען, כדי „ארויסצוטרעטען געגען דער א״י־רעגירונג פאר דעם אינטערנאציאנאלען טריבונאל אין האג״.

וואריעטע־דאנסינג

„טאבארין״

20 נארוטאוויטשא 20

היינט און טעגליך!

3 פארשטעלונגען 3

1) פון 5 נאכמיטאג ביז 8 אוונט: „FIVE“ מיט'ן רעקארד־פראגראם

2) פון 8 ביז 11 אוונט „MUSIC - HALL“ די גרעסטע וועלט־סענסאציע אינטערנאציאנ. טורנעע פון

דאמען־רינג־קאמפען

אויף דער נאנצער רעווי־פראגר. און טענץ

3) פון 11 ביינאכט ביז פריה

KABARET - DANCING

16 נומערן וועלט־אטראקציעס 16

טענץ אויף 2 פארקעטען. איינטריט פריי.

Dr.

Wołkowyski

4 ציגעל־גאס 4, טעל. 216-90

נעהמט אן אין הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוואכע

אויפנאהמס־שעה'ן פון 8–1 מיטאג און 5–9 אוונט

איז געצויגען נאך דער שוועסטער'ס קינד

א שפאנענדע געשיכטע, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט 40 יאהר צוריק אין ווארשא און ערשט די טעג זיך פערענדיגט אין ראדו

שרה איז אריינגעפאלען אין א מוראדיגע דער־פרעסיע, זי איז געווארען שרעקליך נידער־געשלא־גען. די גרעסטע דאקטוירים האבען זי בעהאנדעלט די פערשידענסטע מיטלען זענען אנגעווענדעט געווארען, קיין פערבעסערונג האט זיך נישט געוויזען.

אין גאנג פון דער קוראציע האבען די דאקטוירים פעסטגעשטעלט נאך א גרעסער אומגליק, און בעמליך, אז זי שוואנגערט און אז די שוואנגערונג געפינט זיך שוין אין א סטאדיום, אז עס לאזט זיך שוין גאר נישט טון, בכדי א געבורט אויסצומיידען, דאס איז נאך נישט געווען דאס גרעסטע אומגליק, באלד דערנאך האבען די דאקטוירים ענטדעקט ביי שרה נאך א שרעקליכערע צרה: זי איז אנגעשטעקט מיט סיפיליס און דווקא אין דער שווערסטער פארם. פערשטייט זיך אז די ביידע מכות האט זי זיך איינגעשאפט ביי סערקאן.

די געשעהענישען מיט שרה'ן האבען שוין פיין גאר צוגעבראכען די עלטערן. זיי האבען גאנצע טעג און נעכט געקלאגט אויף זייער ביטערען חורבן. זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין שום זאך אויף דער וועלט, פערנאכלעסיגט דאס געשעפט און אפילו פערגעסען אן דודן, גרוי און אלט זענען זיי פאר דער צייט געווארען, צוזעהענדיג דעם שרעקליכען צער פון זייער בליהענדער טאכטער. אויך דער משפחה איז געגאנגען אין לעבען סענדערס אומ־גליק, צו בעריהמט און אנגעזעהען זענען זיי גע־ווען, אז זיי זאלען קאנען רוהיג איבערטראגען דעם „פגם״ וואס האט זיך אין דער משפחה אריינגעכאפט.

דערווייל האט שרה געבוירען א קינד. דאס געבוירענע קינד איז געווען בלינד אויף ביידע אויגען, דורך דער פערמיטלונג פון עפעס אנאיי־גענעם האט מען דאס קינד אין געהיים אוועקגעגע־בען צו דערציהען צו אנ'ארימע פאמיליע.

צום אומגליק פון דער פאמיליע זילבערסאבעל איז די דאזיגע ערציהערישע פאמיליע גראד געווען א בלאטע חברה. זיי האבען גלייך פערשטאנען, אז דאס ילד'ל איז א חמזי'ל (לינק־קינד) און זיי האבען זיך דעריבער גענומען צו „ציפען״ פון די רייכע גוטשעק, וואס מעהר געלד: א חוץ דעם, וואס זיי האבען פאר דער ערציהונג פון קינד געריסען וואס אמאל העכערע שכירות, זענען זיי סתם נישט וויסען נישט וואו געקומען פרעסען געלד און קוים האט מען זיי נישט תיכף געסילוקט האבען זיי געסטראשעט מיט אויפדעקען די גראנדע.

די פאמיליע זילבערסאבעל האט זיך דאך בע־גראבען פאר חרפה און געציטערט אז די שאנדע זאל נישט דערגיין אין גאס אריין, האבען זיי נעבען געווארטן און געצאלט, דער שאנטאזש איז אנגעגאנ־גען אזוי לאנג ביז די פלוצלינגע אויפרעכטעניש פון דער ארימער פאמיליע האט זיך אנגעהויבען צו וואנדערן אין די אויגען א צוויישער שכנהשע־משפחה. די אונטער־קוקער זענען באלד דערגאנגען דעם סוד פון וואנען די רחבה שטאמט און אויך גע־פאדערט א חלוקה פון דעם שמאלץ־גרוב. די ער־ציהערס האט זיך אבער נישט געגלוסט מיט נאך עמיצען זיך צו טיילען מיט'ן ריווח.

דער סוף איז געווען אז די נישט בעפרידיגטע פרעטענדענט־געלד זוכער האבען איינמאל אין א פינסטערען אוונט א־ויסגעלקחנט דאס בלינדע קינד און עס פערקויפט א באנדע וואנדערנדע שנא־רערס. פון דעמאלט אן איז יעדער שפור נאכ'ן פער־לוירענעם קינד פערשוואונדען געווארען.

די ערציהער האבען מורא געהאט צו מאכען הויך קידוש און אנצוווייזען דער פאליציי אויפ'ן שכן, ווייל יענער האט גוט געקאנט זייער שאנטאזש־ארבייט, די האבען אויך מורא געהאט ווייטער צו פלומפען פון דער פאמיליע זילבערסאבעל, ווייל נישט האבענדיג אין דער האנט דאס חמזי'ל וואלט דער משא ומתן שוין געווען צו ריזיקאליש. אויך די פאמיליע זילבערסאבעל איז שוין געווען אזוי צוברא־כען פון די שווערע איבערלעבענישען, אז זי האט שוין נישט געהאט קיין קאפ מיט'ן ממזרל זיך צו אינטערעסירען. פערקעהרט: זיי זענען געווען צופרי־דען, וואס די שאנטאזשיסטען לאזען זיי אביסעל צורוה. מיט'ן פערשוואונדענעם קינד האט זיך שוין קיינער נישט אינטערעסירט און עס איז אין קורצען אינגאנצען פערגעסען געווארען.

שרה'ן איז דערווייל כסדר ערגער געווארען, די פאמיליע האט זי אוועקגעפיהרט קיין אויסלאנד און זי איינגעארדענט אין אנ'אנשטאלט פאר פסיכא־ווענעריקער.

זי האט זיך דארט אויפגעהאלטען א קורצע צייט און געשטארבען. אויך סענדער זילבערסאבעל מיט זיין פרוי האבען שוין לאנג דערנאך נישט געלעבט, איינער נאכ'ן צווייטען זענען זיי פון א הארצשלאק געשטארבען. אויך פון זייער רייזיג פער־מעגען איז געווארען א תל.

וואס איז געווארען מיט דודלען? דעם קרבן וואס שרה האט געפראכט פאר איהם איז גע'ווען אנ'אומזיסטער. דוד'ל איז באלד נישט בעפרייט גע־ווארען. סערקא האט אויך פערגעסען אן זיין ציוואג, אז ער וועט אויפ'ן פראצעס גוט טענהן, פערקעהרט: ער'ר האט נאכמעהר אויף איהם געהאקט, וויפיל ער האט עס לויט זיין אמטליכען פליכט געדארפען טון, דודל איז דעריבער נישט בעפרייט געווארען נאר ר'איז פערמשפט געווארען אויף צעהן יאהר קאטארגע.

אין תפיסה האט זיך דוד דערווייל דערוואוסט וועגען דער שרעקליכער נבלה, וואס סערקא איז בע־גאנגען געגען זיין שוועסטער און אויך וועגען דעם מוראדיגען חורבן וואס די שאנד געשיכטע האט אנגעמאכט אין זיין פאמיליע און ר'האט בעשלאסען איהם צו דערהרג'ענען, לאנג האט ער געפלאנט ביז ס'איז איהם געלונגען פון קאטארגע צו אנטלויפען — דודל האט זיך פאר דער משפחה אינגאנצען נישט געווייזען, בלויז זיך פערשטענדיגט וועגען דעם ענין מיט אייגענע אנפיהרענדע כאטשי־חברים, וועל־כע האבען איהם געגעבען אויף זיין פלאן די הס־כמה און די נויטיגע מיטהילף.

א צייט האט דודל אויף סערקאן געטשאטעוועט און ער האט איהם ענדליך געכאפט אין א ווארשא־ווער הינטערגעסעל ארויסגייענדיג פון עפעס א מלינה. ער האט לאנג נישט געטראכט און איהם מיט א סאפ וויטריאל אפגעגאסען דאס פרצוף, פון דעם „דענגוס״ זענען איהם די שליפיעס אויסגעפרענט געווארען. סערקא האט געצאפעלט פון ווייטאג. גע־מאכט יאמערליכע יעלות. די גאנצע ווארשאווער פאליציי איז געשטעלט געווארען אויף די פיס. דוד'ל האט זיך גלייך אפגעטראגען פון ווארשא, א געוויסע צייט זיך ארומגעשלעפט איבער פערשי־דענע שטעט ביז ס'איז איהם ענדליך געלונגען אר־ריבערצוכאפען די גרענעץ.

יאהרענלאנג האט דוד'ל געלעבט אין אויסלאנד געשמאנען די גאנצע צייט אין קאנטאקט מיט דער פוילישער עמיגראציע, גענומען ווייטער א לעבעדי־גען אנטייל אין קאמף פאר פוילענס בעפרייאונג און אנגעפיהרט נישט איין מאל מיט וויכטיגע פא־ליטישע אקציעס.

(סוף מארגען).

ארטאפעדישער אנשטאלט

פראטעזען, גארסעטען, ארטאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאט־פוס־איינלאגען בעגען פיס־שמערצען אלס נאך גיפס־אבדרוק.

Dr. med. Lubicz i. Villy Simonović

פעטריקאווער 119, טעל. 231-81

דער פּראָצעס וועגען די געשעהענישען אויף ראַקיטשינער גאַס

(2) נעכטען, אין צווייטען טאָג פון פּראָצעס וועגען די געשעהענישען אויף ראַקיטשינער גאַס, בעת דעם טעקסטיל-אַרבייטער-שטרייק, איז דאָס געריכט צוגעטרעטען אויסצוהערען די עדות.

עס זענען אויסגעהערט געוואָרען אַ ריי‏ה עדות מצד דער בעשולדיגונג און דער פּראָצעס איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף שבת, ד. 16 נאָוו. 9 אין דערפריה.

ביי פּערמאַכטע טירען

(א) דאָס שטאָט-געריכט האָט בעטראַכט ביי פערמאַכטע טירען דעם פּראָצעס געגען גען. קאַפּיטאַן, מיעטשיסלאַוו קורקאָווסקי, וועלכער האָט אין אַ עפענטליך אָרט שטאַרק בעליידיגט די פרוי מאַריאַ סקיבינסקאַ.

קורקאָווסקי, וועלכער איז שוין פון פריהער בעזייטיגט געוואָרען פון מיליטער, איז נעכטען פערמשפּט געוואָרען אויף 3 חדשים תפיסה.

היינט קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע

היינט, דאָנערשטאָג, קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע זאַל דער 5. מייסטער-קאָנצערט אויף וועלכען עס טרעט אַרויס דער וועלט-בעריהמטער יודישער העלדען-טענאָר נאַרבערטאָ אַרדעלי.

אַרדעלי געהערט בלי ספק צום היינטיגען טאָג צום איינעם פון די גרעסטע זינגער פון אונדזער צייט און שטייגט, אַפילו איבער קעפּוראָן, און עס איז קיין וואונדער נישט, ווייל אַרדעלי זייענדיג אין רוים, האָט ער אויפגעטרעטען ספּעציעל פאַרן רוימישען קעניג און איז דאַדורך בעשאָנקען געוואָרען מיטן גרעסטען רוימישען אָרדער פון קעניג.

אויף זיין היינטיגען קאָנצערט האָט דער יודישער קינסטלער אָנגעגרייט אַן אינטערעסאַנטען פּראָגראַם פון לידער און אַריען-אַריען.

נ"ע אסתר קאַפּעלמאַן

בעכטען איז אין עלטער פון 73 יאָהר געשטאָרבען די בעקאַנטע פּלל-טוערין אין לאָדז פרוי אסתר קאַפּעלמאַן.

די פערשטאָרבענע איז געווען איינע פון די גרינדערינס פון קימפּעטאָרין-קליניק ביים „לינת-החולים", לאַנגיעהריגע פערוואַלטונגס-מיטגלידערין פון „בית-לחם", פון הכנסת-כלה, קאָמיטעט מיטגלידערין פון תומכי-אורחים, תלמוד-תורה און אנטייל גענומען אין אַלע הילפס-אַקציעס, וואָס זענען געפיהרט געוואָרען אין לאָדז. בכלל איז זי שטענדיג געווען גרייט אַ הונגעריגען זאַט צו מאַכען, אַ קראַנקען געזונד צו מאַכען און אַ ליידענדען צו ליבהערצי זיינע ליידען.

איהר טויט האָט אַרויסגערופען אַן אויפריכטיגען טרויער ביי איהרע טויזענדער פריינד און בעקאַנטע. זאָל איהר די ערד גרינג זיין!

ד"ר וויילאַנד בעשאַנקען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל

דער מלוכה-פּרעזידענט האָט בעשאַנקען דעם קרייז-דאָקטאָר פון דער לאָדזער סטאַראָסטווע ד"ר יוזעף וויילאַנד פאַר זיין איבערגעבענער מלוכה-אַרבייט. אויך דער וואָזשני פון דער סטאַראָסטווע, סטאַניסלאַוו ניעדזשעלסקי, איז פאַר זיין לאַנג-יעהריגער אַרבייט בעשאַנקען געוואָרען מיט אַ בראָנז-מעדאַל.

בן-ציון וויטלער הויבט אָן גאַסטראָלירען אין „פילהאַרמאָניע"

פון הייַנטיגען פרייטאָג הויבט אָן זיינע אויפטריטען צוזאַמען מיטן אַנסאַמבל פון פילהאַרמאָניע בן-ציון וויטלער, וועלכער האָט מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט אין וואַרשאַ, לעמבערג און ווילנע. ער טרעט אויף אין דער אָפּערעטע „יאַנקאַ ציגיינער", אין וועלכער ער שפּילט די טיטעל-ראָל.

מוזיקאַלישע נאָטיצן

דאָראַ סקורי-קאָנצערט

דער צווייטער אַרויסטריט פון דער „אויסגעצייכענטע" זינגערין, איז אויך אַדורך מיט גרויס ערפאָלג.

עס איז קיין וואונדער, דאָראַ סקורי בעזיצט אַן אונגעהויערע גרויסע סאָפּראַן-שטימע און אויך אַזאַ זינג-קולטור.

נאָר גראָד, ווייל זי האָט אַזאַ גרויסע און ברייטע שטימע, איז איהר פּלאַץ מעהר אין דער אָפּערע, ווי אויף דער עסטראַדע.

די צווי אַריען (דאַמע פּיק און כאַיאַק) האָט עס בולט בעוויזען.

אין אַריען קומט שוין צום פערשטיין אויך אידעאַל-געזאַנג זאָל קאָנטראַסט צום שאַרפען פאַר טעאַ-געזאַנג.

נאָר איין פאַרוואורף קען מען האָבען צו אַזאַ זינגערין, ווי שטעלט מען צוואַמען: סקאַרלאַטי, ראָסיני מיט ציגיינער-לידער, אַפילו פון אַ דוואָראַק? — דאָס איז אַ סטיליסטישע עבירה. טראָץ דעם, איז דער בייפאַל געווען אַ גרויסער.

D—ski.

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי	—	—	—	79.50
3 פּראָצענטיגע	בוראָהלאָנע		—	38.00
4	"	דאָלאַרובקאַ		— 48.50
7	"	סטאַביליזאַציע (אמ.)		52.50
8	"	וואַרשאַווער פאַנד-בריף		45.25
8	"	לאָדזער	" "	43.00
ענגלישער פונט	—	—	—	28 56
דאָלאַר — אָפיצ.	5.37,	נישט אָפיצ.	—	5.40
גאָלד-דאָלאַר —	—	—	—	9.01
גאָלד-רובל —	—	—	—	4.70
דייטשער מאַרק	—	—	—	2.10

פון פּוילישען טעאַטער

היינט ווערט געשפּילט: „פּאַן יאָוויאַלסקי".

פרייטאָג ווערט געשפּילט די קאָמעדיע „מיר שפּילען אָפּערעטקע".

שבת 4 נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונג פאַר קינדער ס'ווערט געשפּילט „פּאַן יאָוויאַלסקי".

ראַדיאָ-פּראָגראַם

דאָנערשטאָג, דעם 16 נאָוועמבער 1933

7 צייט-סיגנאַל, 7,05 גימנאַסטיק, 7,20 גימנאַסטיק, 7,35 ידיעות, 7,40 גראַמאָפאָן, 7,52 הויזווירטשאַפט, 11,30 פּרעסע, 11,40 עקספּאָרט, 11,45 קאָמוניקאַטען, ידיעות, 11,57 צייט-סיגנאַל, 12,05 לידער און מאָנאָלאָגען, 12,30 ידיעות, 12,35 5-טער שול-קאָנצערט, 2 ידיעות, 3,30 קאָמוניקאַט, 3,40 מוזיק, 4,40 רעפעראַט, 4,55 קאָנצערט, 5,50 רעפּערטואַר פון די טעאַטערן, קאָמוניקאַטען פון לאָדז, 6 רעפעראַט, 6,20 אויִדיציע, 7,05 פערשידענעס, 7,25 רעפעראַט, 7,40 רעפעראַט, ידיעות, 8 קאָנצערט, 9 פּאָסט-קעסטעל, 9,15 רעפעראַט, 9,30 מוזיק, 10,15 טאַנץ-מוזיק, 11 קאָמוניקאַטען, 11,05 טאַנץ-מוזיק.

* * *

פון אויסלאַנד

8 פּראַג — אָפּערע. 9 וויען — קאָנצערט פון איטאַליענישער מוזיק. 9 דאַווענטרי — פּאָראַדיע, 9,15 לאָנדאָן — סימפ. קאָנצערט.

מעלדונג

פון „הזמיר".

היינט, דאָנערשטאָג, 8.30 אָוועגד קומט פאָר אין איינענעם לאָקאַל, אַל. קאָשטשיושקי 21 אַ רעפעראַט פון ה' חלודניצקוויטש אד"ט: „די מוזיק פון רענעסאַנס". די פאָרלעזונג וועט זיין אילוסטרירט מיט גראַמאָפאָן-פּליטען. איינטריט פריי.

עס ווערען אויך אָנגענומען איינשרייבונגען אין כאָר, אָרקעסטער קורסען פון סאָלפעדזשיא און העברעאיש. די ערשטע פּראָבע פון אָרקעסטער קומט פאָר היינט 8.30 אָוועגד. 6236

ווערקשטעל שירמס פון און שפּאַציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאָדז, נאַרוטאָוויטשאַ 19

אַמפּפעהלט אין אַ רייכען אויסוואַהל פון קאָלירטע דאַמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

נעהמט אָן אַלערליי רעפּאַראַטורען פון שירמס און שטעקענס.

אויך צו פערקויפען קאַלאָשען און באָטען.

וויכטיג פאַר דאַמען

נאָר 2 זל. ווערען איבערגעמאַכט די עלטעסטע

היטען

אויף גאַנץ ניי און אויך נייע היטען צו 3.50 געדענקט די אַדרעס

„TOLA"

23 Zawadzka 23

זיכערע הילף און אַ רפואה!

אָהן אָפּעראַציע, אָהן בלוט, אָהן אַ מעסער און אָהן בלוט-פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף ברוכען, פאַר מענער, פרויען און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין נעה, פאַר הויקערס אָהן פיס.

פערלאָזט נישט די קראַנקהייט, ווייל דער ווינקעל-ברוך וואַקסט גרויס און אַ מענשען-קאָפּ, און עס מעלט אַריין אין דעם פיס איז דער קראַנקער אין אַ גרויסער סכנה, דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטאַרבליך. ספּעציעלע נומענע היל-באַנדאַזשען בעזומטינע זיכער דעם שווערסטען ברוך, אויך פאַר הויקערס, ליימונגען ספּעציעלע היל-גאָרסעטען און אָפּעראַטען פאַר פערקרימטע פיס און פלאַטפיס, ווי אויך קינסטליכע נומענע פיס.

עמפפאַנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אָוועגד.

אַכטונג

זייט דעם ערשטען אָקטאָבער ד. י. ווערען אַלע קראַנקע אין מיין אָרטאָפּעדישע הייל-אַנשטאַלט. נור פון מיר פערזענליך בעהאַנדעלט.

איינציגע אָרטאָפּעדישע הייל-אַנשטאַלט

Specialist Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped

פון לעמבערג

Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77, front, parter.

מיר נעהמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקען-קאַסע.

דאַנקזאָגונג.

דעם ה' ספּעציאַליסט י. ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10 (פראָנט, פּאַרטער) דריק איך אויס מיין דאַנקבאַרקייט פאַר איינהאַלטען מיר די זעהר שווערע ברוך-רופּטור. אַנ'ערך 25 יאָהר האָב איך געליטען פון שרעקליכע ווייטאָגען און היינט, אַ דאַנק דעם גרויסען ספּעציאַליסט בין איך פריי פון ליידען און בין פעהיג צו דער אַרבייט.

דערמיט דריק איך אויס איהם מיין הערציגסטע דאַנקבאַרקייט.

Tema Rozenblum, Brzeziny.

שלאָסעריי-אַרבייטען,

ווי אויך אויטאָגענישע שווייסונגען מעטאַל-בעאַרבייטונגען מאַשינען-טיילען

פירמע אויס בילינ

J. REDER, Łódź

קאָנסטאַנטינער 11/13.

כירורגישער קאַבינעט

Dra med.

M. Kantor

איז געוואָרען איבערגעטראָגען אויף זשעלאַנאַ 5

טעל. 112-22

נעהמט אָן פון 1—3 און פון 6—8 אָוו.

רעמשניצע-פּרייזען.

א לאַנגיעהריגער

מיליטער-בעאַמטער

ערטיילט אייך עצות און אָנווייזונגען פאַר צוריקגעקומענע פון אויסלאַנד וועלכע האָבען צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט דורכגעמאַכט דאָס מיליטער-דינסט. :—: ספּעציאַליסט אין שרייבען פון ביטעס פאַר

איינציגע שפּיזערס

ב. מאַן 10 פּיעטריקאָווער

כירורגישער קאַבינעט

Dr. med.

J. Szreiber

געפינט זיך יעצט אויף

Narutowicza 9 tel. 122-95

אָפּעראַציעס, אַמפּוטאַציעס, היילט זשילאַקעס א. ז. וו.

נעמט אָן פון 2 ביז 3 און פון 7 ביז 8.30 אָוו.

רעמשניצע-פּרייזען.

Dr. med. **Niewiażski**

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע

אַנדזשעיאַ, 5 טעל. 159-40

נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו. זונטאָג און יום-טוב פון 9 - 1 פאַרמיטאָג.

בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען

Dr.

S. Kantor

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע

וואוינט יעצט

Piotrkowska 90, tel. 129-45

נעמט אָן פון 8—2 נאָכמ. און פון 4—9 אָוו., זונטאָג און יום-טוב פון 8—2 נאָכמ

Dr. med.

Ignacy Grynberg

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאַנאַ 17, טעל. 174-15

קלעפּסידרעס

צו זעהר בילליגע פּרייזען

נעהמט אָן די דרוקעריי פון

„נייעם פאָלקסבלאַט"

די קלעפּסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט און פונאַנדערגעשיקט איבער שטאָט.

שייטלען

מיט פּאַריזער שרינדען

ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט צו בילליגע פּרייזען

אָנדולאַציע און מאַניקור

ביי קערש, סטווערזשאַ 15

כעמיש-באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריום

מ. שאַץ

לאָדז, פּעטריקאָווער 37.

טעל. 230-85

פיהרט דורך זאָרגפעלטיגע ערצטליכע אַנאַליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע, א. א.

קליינע אַנאָנסען

1 זלאָטי

אַנאָנס ביז 15 ווערטער

פּרייזע פּאַסטענס

אַ רעפּעזירקע צו סוויטערס ווערט געזוכט ביי ניימאַרק, קאָנסטאַנטינער 30.

עס ווערען געזוכט קוואַליפיצירטע שטריקער-אַרבייטער אויף 8-ער מאַשינען. צו ערפאַהרען פראַנציסקאַנער 17 פראָנט 3-טער שטאָק, וו. 23. 6239

פערשידענעס

אַ פעהיגער יונגערמאַן זוכט אַרבייט ביי וואָס ס'זאָל נישט זיין, געגען קלענסטען לוין, פון פאַך אַ זדון. אָפּערעסי אונטער „זדון". 6238

געוועזענער סעקרעטאַר אין מעלדונגס-אַמט ביים לאָדזער מאַגיסטראַט נעמט אָן הייזער אויף אַדמיניסטראַציע און מעלדונגס-ביכער צו פיהרען צו בילליגע פּרייזען. אָפּערטען אונטער „Rządca" אין אַדמ. פון דער צייטונג.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה

פאַר'ן טעקסט — 8 ... פרייטאָג און ערב-יו"ט — 24 גר. און דער זייט שפּאַלטען

אין טעקסט — 40 ... — 60 ... 4

נאָכ'ן טעקסט — 12 ... — 18 ...

מיניסטער דער שטאָדט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען — 20 גר. אַ מ/מ (אין דער זייט) שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:

אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקא — 1 דאָל.

מאַנוסקריפּטען, וועלכע ווערען נישט געדרוקט, ווערען נישט צוריקגעשיקט. פאַר'ן אינהאַלט דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אַנאָנס פאַר'ן אינהאַלט פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט און פאַר מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען ביז טאָג און ביינאַכט

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg

Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.